STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03262

SHTUDYEN IN DEM AMALIGEN INERLIKHEN IDISHEN LEBEN

Yehuda Leib Avida

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מיט
הונדערט יאהר צוריק

שטודיען אין דעם
געזעליגען אינערליכען
אידישען לעבען
פון
יהודה עלזעט

דער **שער** איז
רעפּראָדוצירט פון ספר
נחמד ונ.עים
געדרוקט אין יעסניץ
תק״ג לפ״ק

יהודה עלזעט

שטודיען אין דעם אמאַליגען אינערליכען אידישען לעבען

דאָס ערשטע בוך:

מיט הונדערט יאַהר צוריק

In the Tents of Jacob

Jewish Ethnological and Philological Studies

By

J'hudah El-Zet

Montreal, 1927

רעפּראָדוצירט פון ספר

נתיבות המשפט

געדרוקט אין

סדילקאב

בשנת תק״צ לפ״ק

דעם הייליגען אָנדענקען פון מיין

מ ו ט ע ר

צו איהר צוואנציגסטען יאָהרצייט.

מיט א געבויגענעם קאָפּ אין אַ ווייטען
לאנד געווידמעט

[illegible]

מיט הונדערט יאָהר צוריק

ערשטער אַרטיקעל*)

וואשינגטאָן אוירווינג זאָגט, דאָס געשיכטע איז א מין פנקס וואו מען שרייבט איין די פארברעכען פון דער וועלט און די צרות וואס איין מענש האָט אָנגעטון דעם צווייטען. עס איז א גרויסער באַשולדיגונגס־אַקט צו וועלכען יעדער דור שרייבט צו א געוויסע צאָהל בלעטער.

ווען מיר בלעטערען איבער די גרויסע געשיכטע ביכער פון דער וועלט, וועמען זעהען מיר דאָרט אָנגערופען גרויס, און וועמען זעהען מיר דאָרט ארויסגעשטעלט צו דער באוואונדערונג פון דורות? טיראַנען, רויבער, העלדען וואס ווערען געריהמט ווייל זייערע פארברעכען זיינען באגאנגען געווארען אויף א גרויסען מאסשטאַב, ווייל זיי האָבען אומגליקליך געמאַכט נישט איינצעלנע מענשען, נאָר גאנצע פעלקער, בארויבט און אונטערדריקט גאנצע מדינות און אויסגעקוילעט גאנצע ארמעען.

קארלייל איז דעריבער שוין גערעכט ווען ער רופט אוים: גליקליך איז דער דור, וואס לאָזט איבער נאָר ליידיגע בלעטער אין דעם בוך פון געשיכטע!

און וואָלטעיר זאגט, אז היסטאָריע איז נישט מעהר ווי א רשימה פון מענשליכע פארברעכען און אומגליקען.

אידישע געשיכטע איז געוועהנליך אנדערש ווי די געשיכטע פון אנדערע פעלקער, מיר האָבען פאר די לעצטע טויזענדער יאהרען נישט קיין קעניגען און נישט קיין ארמעען, און דאריבער האָבען גרעטץ און אנדערע אידישע געשיכטע שרייבער זיך געגרויסט, דאָס „באחרית הימים" ווען דער חלום פון נביא ולא ישא גוי אל גוי חרב וועט מקויים ווערען, וועלען די געשיכטעס פון אנדערע פעלקער געשריבען ווערען, אזוי ווי מען שרייבט אידישע געשיכטע.

נים אויסערליכע נצחונות נאָר דער נצחון פונ'ם גייסט אין דעם אינערליכען לעבען פון פאָלק, און די קולטורעלע ענטוויקלונג פונ'ם פאָלק און זיינע מאסען.

אבער דער אמת איז, דאָס אויך אידישע געשיכטע האָט וועניג וואס צו טאָן מיט'ן אינערליכען לעבען פון די מיליאָנען. אמת טאַקי אידישע געשיכטע איז נישט די געשיכטע פון א ו נ ז ע ר ע פארברעכען, אבער עס איז אלץ ג ע ־ ש י כ ט ע   פ ו ן   פ א ר ב ר ע כ ע ן — די פארברעכען וואס די פעלקער זיינען געגען אונז באגאנגען, פאָגראָמען, בלבולים, באגרעניצונגען, גזירות, שחיטות, גירושים און אזוי אָהן א סוף.

אונזער געשיכטע איז נישט א רעקאָרד פון קעניגען און פרינצען, איז עס א רעקארד פון גאונים, רבנים, שתדלנים, אָבער אלץ פון יחידים און נישט פון דעם פאָלק אין זיינע מאסען און אין זיין אלטעגליכען עקאָנאָמיש־קולטורעלען לעבען. די פריידען און ליידען פון דעם געוועהנליכען מענשען, וואס אין זיינע גרויסע צאָהלען מאכט ער א פאָלק האָבען קיין אָרט אין די געשיכטע ביכער נישט געפונען.

און ווען מיר קומען שרייבען וועגען

---

*) ערשינען צום ערשטען אין דער יובילוי־אויסגאבע פון דעם „קענעדער אדלער", מאָנטרעאל, אויגוסט 30, 1927. יעצט איבערגעזעהען און אָנמערקונגען צוגעגעבען.

דעם אינערליך־אידישען לעבען, ווערען מיר פשוט פארצווייפעלט פון דעם ארימקייט פון די מאַטעריאַלען וואס קאָנען אונז ארויסהעלפען.

קיין מעמוארען האָבען מיר כמעט אין גאנצען נישט, קיין ליטעראטור וואס זאל באלייכטען דאָס לעבען פון גאס און שטוב איז נישטאָ. מיר האָבען שטיקלעך שאלות ותשובות וואס מיר האָרעווען מיט פארצווייפלונג צוזאמענצובינדען אום ארויסצובאקומען פון זיי וויפיעל עס איז נאָר מעגליך.

צופעליג האָב איך זיך די טעג גענומען ארייננקוקען אין אן אלטען

מ ס ד ר   א ג ר ת

אודר איין נאויער

שרייב לעהריר אונ בריפשטעללר

פיר

יידישי קינדר ביידע גישלעכטיר

נדפס

בשנת תקפ"ה לפ"ק

בווילנא והוראדנא

איך בין ערשטוינט געווארען פון דעם אינטערעסאנטען און רייכען מאַטעריאַל וואס עס געפינט זיך דאָרטען.

געוועהנליך רעכענט מען אז „א בריוועןשטעלער", אויסגערעכענט פאר קינדער, קאָן פאר אונז קיין אינטערעס נישט האָבען, און מיר איז דערווייל ניט באקאנט דאָס עמיצער זאל בכלל האָבען אויסגעפאָרשט ווי געהעריג די דאָזיגע גרופּע אידישע ביכער וואס מוזען אינטערעסאנט זיין פאר דעם פאָרשער פון דער ענטוויקלונג פון אידישען וואָרט און ליטעראַטור 1) אבער איך וויל זיך דאָ אָפּשטעלען אויף דער זעלטענער קאָלעקציע פון בריוו וואס איז ממש אן אוצר פאר דעם וואס וויל האָבען אן איינבליק אין דעם

(1) זעה שולמאן „שפת יהודית—אשכנזית וספרותה" ז. ז. 143-146. אין „פנקס", ניו־יאָרק 1927, ז. 169 ווערט ציטירט ש. באסטאמסקי'ס „יודיש־לימוד, די נייע שול, יאנואר־פעברואר, 1923, ז. 49.

פאמיליען־לעבען פון פאָלק, זיינע געזעלשאַפטליך־עקאָנאָמישע שטרעבונגען און באמיהונגען, מנהגים, קליידונג א. א. וו.

וואָלט דער בריוועןשטעלער געוועזען דאָס וואס ער האָט באדארפט צו זיין, און וואס דער מחבר, אדער מדפיסים זאָגען צו דאָס ער איז, וואלט ער צו אונזער ארבייט קיין ווערט געהאַט, לאָזט זיך אבער ארויס, אז דער מחבר האָט געהאט א סך טאַלאַנט, א לייכטע האַנד צום שרייבען, א געזונטען און שפּילעוודיגען הומאָר — הגם אמאָל משכיליש־גראָב, און האָט דערווייל פארגעסען אז די בריעף זיינען באשטימט פאר קינדער — און ער האָט זיך פאנאַנדערגעלאָזען און געשריבען שעהנע סקיצען וואס זיינען אויסערגעוועהנליך ווערטפול פאר אונז.

עס וועט אָבער נישט ווייט גרייזען דער וואס וועט באהויפּטען, דאָס בריוועןשטעלער זענען נישט געמאכט געווארען פאַר קינדער נאָר פאר דערוואקסענע אינגען און מוידען 1).

עס איז מעגליך אז עס זיינען פארהאנען נאָך עהנליכע בריפענשטעלער וואו די בריעף טראָגען אן אויטענטיש־אינטימען פּערזענליכען כאַראַקטער, ווי דער מחבר פארגעסט זיין פּעדאגאָגיש־דידאקטישע אויפגאבע און דער שריפטשטעלער צושפּילט זיך אין איהם, און שרייבענדיג בריעף, שרייבט ער כדבר איש אל רעהו, און את אשר יראה יגיד, אזוי ווי די בריף פון אונזער מחבר, וואס זעהען אוים ווי בריעף נישט פון „בריפשטעללר" נאָר גלייך ווי מיר האָבען זיך צוגעקרוגען צו א פּעקל פּריוואטע בריוו וואס האָבען זיך פארוואלגערט ערגיץ אין א אלטען סופער, אָדער צווישען שמות אין דער וויבער־שול אין בית־המדרש.

(1) זעה „די אידען אין ליטע" ווילנא, תרל'א, פון אייזיק מאיר דיק, ז. 19, דאָס אַ יונגער מאַן ווערט רב צו 22 יאָהר, מוז ער זיך אָנהויבען לערנען שרייבען אום ער זאָל זיך קאָנען אונטערשרייבען אויף א פסק בית דין.

אונזער בריפענשטעללער, עפענט זיך מיט אן הקדמה, וואס ווי אלע דרשות און ספרים פון יענער צייט, מוז עס זיך אנהויבען פון בראשית און בריאת העולם:

„דער בשעפר וויא ער דיזע וועלט בשאפן האט איז עס איינגיטיילט גיווארן אין פיר ארטיקולין (מינים) דאס הייסט בלה״ק דצח״ם היינו דומם, צמח, חי מדבר״.

און אזוי פארפירט ער א שמועס ביז ער באווייזט אז רעדען איז נאך ווייניג אום צו זיין א מענש, דערצו מוז מען נאך קאנען שרייבען, און — וואונדער איבער וואונדער—דער מחבר וואס גיט ניט אן זיין נאמען אפילו ברמז, געפינט ניט פאר נויטיג צו באווייזען אז אידיש איז א לשון, אדער אז דאס קאנען שרייבען אידיש האט עפּיס א באזונדערען ווערט, נאר ער ווענדט זיך פשוט צו די לעזער און זאגט:

„דרום מיינע ליבי קינדר איר זאָלט דאש שרייבן גוט פר אכטין (1) דען זונדר דאש לערנן איז דש שרייבן די ערשטי (מעלה) אויף דער וועלט, מיר זעהן דאך ווער ניט שרייבן קאן, דער איז אויף דער וועלט ווייניג וואש גיאַכט״.

ער זאגט אבער אויך דאס ער וועט גיבען אויסער „אללער האנד שיינה בריוו, אויך זעלכע וואש מען וועט דר פון פיל פערגניגן האבן צו פאר טרייבן די בעזארגטי צייט״. ער האט דעריבער געוואוסט אז ער שרייבט אלס ליטעראטור און נישט נאר אלס א לעהר־בוך פאר קינדער.

ער גיט אונז דערנאך איינע „ווישן שאַפטן פין אויש לייגן די ווערטער״ און די אויסלעגונג פון נעמען פון זכרים און נקבות ע״פ סדר אלף־בית אויך די באדייטונג פון ראשי־תיבות׳ן וואס ווערען באנוצט אין אידיש און דא קומען מיר צום

(1) פר אכטין, מיינט פשוט — אַכטען, אזוי ווי וויטער ז. 40 האבען מיר — פר העלף מיר, אנשטאט העלף מיר, און — פר פאזעווען, אַנשטאט פאַזעווען.

פעקעל פון זיבעציג בריעף, (פון זיי צוויי ניט געגומערירט) איבער וועלכע מיר וועלען דא נאר קאנען געבען אן אלגעמיינעם איבערבליק.

דער ערשטער בריעף איז פון א האגער איד „צו איין שפראך לערער״ ווי ער פארלאנגט פון איהם צו קומען צו איהם און זיין א לעהרער פאר זיין זוהן.

דער בריעף איז געשריבען אין א טיפען דייטשמעריש, צי ווייל דער מחבר האט זיך נאך נישט געהאט זיין האנד פאנאנדערגעשריבען אדער ווייל זיין קינסטלערישער חוש האט איהם געזאגט דאס א האגער איד וואס קאן זיך פארגינען צו נעמען א ספעציעלען לעהרער פאר זיין זוהן פאסט נישט אנדערש נאר ער זאל שרייבען אזא מין לשון:

„אויב שוין איך דש גליק (גליק!) ניכט געהאט האב זיי פון פערשאָן צו קענן איז מיר דאך פון איניגע גוטע פריינד פיל פון איהנן ערציילט גיווארן דש זיי זיינן איין מעהטר1) פון אללער האַנד שפּראך״2) וויל ער

(1) פראנצויזיש — Maitre

מיט אלע טייטשען וואס דאס דאזיגע ווארט האט אין פראנצויזיש (עהנליך צו „מייסטער״ אין דייטש און „מאסטער״ אין ענגליש. אלע דאזיגע פארמען שטאַמענדיג פון „מאגיסטער״ אין לאטיין פון דעם שורש מאגנוס — גרוים).

ביי א. מ. דיק, דער חזן, ווילנא, תרל׳ה ז. 31: דער חזן איז א גרויסער מעטער, (דאס הייסט: קינסטלער, מייסטער).

ביי מענדעלע מוכר ספרים, לעזען מיר:

„ביים עולם איז איינגערעדט געווען אז ר׳ חיים איז א מעטער, א גרויסער מבין אין דאקטאריע״ (שלמה בר׳ח ז. 21) און אין „יודעל״ ז. 62 שרייבט ער: „זיין א מבין, אויף אלסדינג א מעטער״.

ש. באסטאמסקי, „ביים קוואל״, ווילנע 1920, ז. 50, „ער איז א מעטער (א בקי) אויף אזוינע זאכען״. אין מיינע נאטיצען געפין איך: „ער איז נישט קיין מעטער

איהם נעמען פאר א לעהרער צו זיין זוהן און ער בעט איהם צו שרייבען „וואש זיי וואלין פון מיר מאָנהייטליכע לון בקומען און אויך דער ביי פריי טיש צו האָבען".

דער לעהרער ע נ ט פ ע ר ט „להשר המפורסם" דאָס ליידר האָט ער זיך שוין פארבונדען אויף צוויי יאָהר ביי הקצין בהר"ר הערץ האַמבורג, אזוי ווי ער האט אבער געהערט דאָס זיין זוהן „איין גרוי־שע קאָפּ האָט" וועט ער איהם אן אַנדער מעטער געבין, וועלכער זוא פיל פערשטאַנד ווי איך האָטע און ער איזט אויך דער ביי איין גאטש פאָרכטיגער מאַן".

דער דריטער בריעף איז א דאנק בריוו פון איינעם צו דעם צווייטען וואס האָט איהם א גרויסע טובה געטהון, דאַן קומט א בריוו פון איינעם א גרויסען סוחר יהושע גרונם בר' שמריהו הלוי ליד אוה"ונ ה'ה הרבני הרוזן המפורסם חו"ב מהורר שבתי שמואל נ"י, ער פארציילט איהם דאָס ער קומט צוריק פון א נסיעה נאָך ריגע ווי ער האָט אָנגעקויפט סחורה פאר 2039 רובל זילבער. ער האָט גיבראַכט „איניגע פעסער צוקער קאַנדיז 1), אייניגע

(1) אין ענגליש: קענדי־שוגאר. צוקער אין ריינע קריסטאלען וואָס הענגען צו־זאמען אויף א פאָדים. אין מיינע־אינ־געל־יאָהר פלעגט מען עס האלטען פאר א סגולה צו א הוסט, און מען האָט עס גערופען: קאנדיל־צוקער. (דאָס זעלבע הורוויץ, ספר המלים, אדעססא, 1903).

(מייסטער) איבער זיך". איך גערענק אָבער נישט צו איך האָב די רעדענסארט געהערט אָדער גענומען פון ליטעראטור. אזוי ווי אין פויליש האָט נישט דאָס וואָרט מעטער די אלע דאָזיגע טייטשען (זעה דאָס גרויסע ווערטערבוך פון יאַן קארלאָוויטש און זיינע חברים) דעריבער גלויב איך נישט דאָס אידען האָבען עס גע־נומען פון פויליש, ווי עס וויל האָבען י. ח. טביוב (כתבי ז. 284).

(2) זעה ווייטער ז. 25 דאָס דער דייטשער חתן בחור קאָן דייטש, פראנצויזיש און ענגליש.

מעלים, עטליכע באל קאווע, דער ביי אנ־דערע געווירץ, אין ריגע האָט איהם אן אומגליק געטראָפען, ער האָט פארלוירען א „וועקסל פון 1500 אלבערץ טאלער" וואס ער האָט געהאַט פון קריסטאָף מענליין, הכלל ער האָט געמוזט „אין ציייטונג לאָזין זעצין 2) און אין דער פּאָליציי מעלדין". און עב האָט איהם אָפּגעקאָסט ביז 30 רובעל זילבער. א סוף קומט אן אלטער גרייז־גראָהער מאַן אויך א פרעמדער אין ריגע און ברענגט איהם דעם וועקסל אָב „אין שטאַנציע אריין".

איך האָב דעם אלטין גיוואלט גיבּן פר זיין בראווקייט 3) צעהן שטיק דו־קאטזש ניט אזו וואש ער האט ניט גי־וואלט נעמן, ער איז נאָך מיט איין מאל ערגערליך גיווארן אויף מיר מיט דעם גרעסטן צארן, ער האט מיך גליך גיפרעגט ווען מען ביי אונז גיפינט איין פרעמדע זאך גיט מען דען ניט אוועק נאר אנדערש ווי פר בעלוינונג, האב איך אים גיענטפערט ווארים ניט ווען מען נאר פר איין רעכטע פרלו־רונג בעלוינט נעמט מען צו, האט ער מיך ווידער נאך איין אנדערי גפרעגט, אויב ביי אונז זיינן גרויזע ליוט פר

(2) א. מ. דיק, די קאוונער בריקע, ווילנא, תרל"ה, ז. 16: האָב באלד געלאָזט זע־צין אין ציייטונג, דאָס איך האָב געפו־נען א טייערען רינג.

(3) „א בראווער מאַן", א בכבוד'ער, עהרלי־כער מאן. אין גלית־שפיל זאָגט דוד: אברהם איז געוועזען א גוטער מאן, א בראווער מאן, זיין גיטסקייט, זיין פרומקייט זאָל איך דוד'ל יעצט געניסען. זעה נח פרילוצקי'ס זאמעל־ביכער. ב. 1, ז. 105). א. מ. דיק, ספורי מוסר, וויל־נא, תרל"ה, ז. 35: אויב וואויל איין בעל מלאכה, נור איין בראווער ערלי־כער שטילער מאן.

האנדן, (1) אויב ביי אונז איז תבואה וואלוול, וועלכע זיינן מער פר האנדן ארעמע אדער רייכע, טרעפט ניט קיין אונגליקען אפט, שטארבן ניט יונגע מענשן, אונ נאך זייער פיל ווילדע פראגן דער פון אויף וועלכע איך האב איהם גיענפרט, געוויש טרעפט אליש אין איין שטאט, דען זאגט ער צו מיר, ווילט איר דען דאש דורך אייער געלד זאל ביי אונז זעלכע זאכין אוך טרעפן, ניין מיין פריינד ווען דש איירע איז ווי איך זעה וויל איך גאניץ אונ גאר קיין בעלויגונג.

ער פארלאנגט דער נאָך פון זיין פריינט איינצוקויפען פאר איהם סחורה אין ברעסלא ווען ער וועט דאָרט זיין, און גיט נאָך אן אינטערעסאנטע רשימה פון סחורות געקויפט אין ריגע, ווי אטלעס, דאמאסק, סאמעט, שטיינגעם פעטי נעטין (?) טיבער, שאלען און גילאנטערי.

זיין פריינד שבתי שמואל געלען בורג פון ליטאווע, ענטפערט איהם דאָס ער איז מלא שמחה דאָס ער האָט דעם וועקסיל צוריק באקומען און דאָס דער אלטער מאז וואס האט אבגעברענגט דעם וועקסיל און נישט געוואלט קיין באצאָל דערפאר „איז גאר איין זאך וואָש איבר דר נאטור'' און אזא מענש איז ווערט זאל אלט זיין.

און עס פריידט איהם דאס : „עס גיבן נאך אין דער וועלט זעלכע ארינטליכע פיינע מענשן, וועלכע הערן קיין געלד און קיין בעלוינונג, און זוכען נאָר דעם אנדערן גוטש און צופרידענהייט צו טאָן'', ער באדויערט דאָס בשעת זיי זיינען שותפים געוועזען האבן זיי נאך נישט געוואוסט ווי צו פירען א געשעפט, „אונ דער פין זיינן מיר פיל איינגעאנגען, עס איז קיין רעכטר בוך ניט גיוועזן קיין

(1) זעה עהנליכע פראגען געשטעלט צו אלכסנדר מוקדון ירושלמי, בבא־מציעא, פרק ב'.

רעכטר מענש זאל פירען, האנדל אן אָרדענונג קען קיין. מאָל האלטין, זוא גוט ווי איין קויפמאן אן געלד קען זיין''. ער בעט איהם נאָך זיין ווייב „דעם איין געשלאסענעם בריף צו דער לאנגען וועלכער דא צו זעהן איז''.

דער נאך קומט א בריף פון דעם זעלבען ליטאווער סוחר, שבתי שמואל געלען בורג, פון לידא ווי ער שרייבט אהיים א בריעף אין וועלכען ער חכמה'ט זיך אין א מאָדנעם לשון און פון וועלכע מיר זעהען דאָס מען פלעגט אָנגרייטען חתונה־מתנות אפילו פאר קינדער וואס זיינען נאָך אויף דער וועלט נישט געוועזען.

ליד אהובתי זוגתי ה''ה הצנועה החכמניות המפורסמת מרת שיינה דרויזיל שת'י,

מיין ווייב דו מיינסט אז מען קומט שוין אין איין פרעמדע לאנד, פר געסט מען אן דער אייגענע ווייב חלילה, ניין מיין פריינד, זעה נאר אז עס איז איין גרוסער אונטערשייד, דו דארפשט דיר ווינצען דש איך שטענדיג זאל זיין אין וועג, ווייל אין דער היים אז איך בין, פערלאנגשטו אלע ווײלע איך זאל דיר קויפן פערל1) מאדעש אלער האנד מאכן, איבר וועלכע איך לאך אפטר, נון ערסט אויב וואהל דו האשט מיר ניט גיבעטן, האב איך דיר גיקופט, פינף גוטע שניר פערל, זייער שיינע צייג אויף דריי פאר קליידר צוויי שעקלעך האללענדר איין שעקל באטיסט, נאר שרייב מיר מיט

(1) זעה אקסענפעלד : דער ערשטער יודישער רעקרוט אין רוסלאנד בשנת התקפ'ז, ז. 137 : פוילישע ווייבער האָבען זיך איינגערעדט דאָס א אידינע אָהן א חאמיט פון פעריל הייסט קיין מענש ניט. זעה אויך ז. 135 : אַ גרוים שטערענטיכעל איז אַזאַ גרויסע זאך ביי א יונג אידיש מיידעל, אז אפילו א דאָרפס־היינט זאָל האָבען גרויסע פעריל, געהעפטע 6 רעדער מיט שפיצען ווי א חאמיט אָנצוטהון אויפ'ן קאָפּ — מעג מען איהם נעהמען פאר א [illegible].

דער ערשטער פּאצט, אז איך לערך זאל מיר וועגן אליין ווי וויט וולשט דו מיר אן נעמן, אונ ווי פיל וועט זיין דאך די געוויכט ביי דיר, איך מיט די מתנות וואש איך ברייגגען וויעל דיר, נאר שמייכיל ניט דער ווייל, דער מענש וואש איין וועג איז פר שטייט אליש, אונ אז איך וועל קומען וועשט דו אי״ה מער לאכען האב נישט פר איבל וואש איך שרייב דיר זוא איין קליינס בריף, ווייל איך ווייש דו פר שטיישט דער פון פיל מעהר, נאר פילליכט בישטו בייז, וועט ביי אונז בלייבן אין זין, דש די צייג אלע וואש איך פיר, וועשט דו פר זיך בעהאלטן אונ די פערל קענען מיר פר אונזר זון אדר טאכטר וויעלכע זיינן זאלן לעבן אדר פר וואש וועלן אי״ה זיין, וועט צו ניץ קומען, עס פּאסט אמת ניט איבר פעלד זויא פיל צו שרייבן, נאר פאר רייד, מאַכט קיין נאָך רייד 1), זאי גיזונד מיין טרייע ווייב, פון דיין מאַן

שבתי שמואל געלן בורג,

א פּאלאנגער לעהרער איז דערווייל געוואר געווארען דאס זיינער א פריינד וויל אהין קומען „נאר צו לעבן פון שטונדן צו געבן״ זאגט ער איהם אז ער זאל נישט דערוועגען צו קומען, ווייל עס איז ביי זיי „פר האנדן פיל שטונדען געבער, די אללע שרייען אין די גאסן איטלעכר, וויפיל ער נאר קראַפּט האט, דש ער קען אלם וואש מען נאר פון איהם פערלאנגט, נאָר ווער עס האָט איין גרעשערען קול, דעם הערט מען מער״. אבער דאָך קען מען די וועלט נישט לאנג גענארען, ווייל ווען מ׳קומט צו אזאַ לעהרער און מ׳בעט איהם עפּים א קליינינקייט אויף צו זעצין

(1) „פאר רייד מאַכט קיין נאָך רייד״ — א שפּריכוואָרט לויט׳ן דייטשען: „פאָרךרעדע פערהיטעט נאָכרעדע״. דר. פ. טעטצנער: דויטשעס שפּריכווערטער בוך. לייפּציג.

איז זיין שטענדיגער ענטפער דאס די צייט ערלויבט איהם נישט.

עס איז אינטערעסאנט צו זעהען פון דעם בריעף דאָס עס זיינען שוין דאַמאָלס געוועזען אזוי פיל שטונדען־געבערס אפילו אין קלענערע שטעדט. מ׳מוז דעריבער צווייפלען אין דער ריכטיגקייט פון דער באהויפּטונג וואס ז. רייזין ברייגגט אין זיין לעקסיקאָן, ערשטער באַנד, ז. 712, אין נאָמען פון צ. נ. ג א ל א מ ב, דאָס דער ערשטער וואָס האָט איינגעפירט העברעאישע שטונדען אין ווילנא איז געוועזען אייזיק מאיר דיק (געבוירען 1807, געשטאָרבען 1893) 1)

עס קומען דער נאָך צוויי אויסער געוועהנליך אינטערעסאנטע בריף פון א כלה צו איהר מחותן און פון דעם מחותן צוריק צו דער כלה.

די פראגע פון מתנות פארנעמט א געוואלדיגען ארט. מען קען קיינמאָל ניט צופרידענשטעלען, וויפיל מען גיט וויל מען אלץ מעהר, א כלה שעמט זיך נישט צו געפינען חסרונות אין יעדען פיצעל מתנה וואס זי באקומט פון מחותן גלייך אין דעם ערשטען דאנק־בריף וואס זי שרייבט איהם, עס איז אבער א שטאָלץ צו זעהען דאָס צוזאמען מיט גאָלד — מתנות פיגורירט דער קרבן מנחה — סידור און דער מחזור, עס איז אויך אינטערעסאנט די פראפּאגאנדע פאר דעם סדור און מחזור פון ווילנער דרוק און דאָס קלאָגען זיך דאָס דער „טייטש״ איז גאר נישט צו פארשטעהן.

יום ד״ה לחודש אייר תקפ״ה לפ״ק
אן מיין ליבן הארציגן מחותן
הרבנו הגביר והמפורסם מהורר ירוחם

(1) ה׳ י. ריבקינד מאַכט מיך אויפמערקזאַם דאָס לויט ציטראָן („יוצרי הספרות העברית החדשה״ ז. 146) און מאַרק („גדולים פון אונזער צייט״ ז. 382) איז קלמן שולמאן, (ווילנע, געבוירען תקע״ז, געשט. תרנ״ט), געוועזען דער ערשטער שטונדען געבער.

פישל כ״ץ, אייער ערליכע1) אונ רייכע מתנות וויא איר מיר גישיקט האָט דורך הרבני מהורר משולם האָב איך ריכטיג דער האלטן ניט ווייניגער אויך איין בריף דערבאיי, איטליכר ווארט פון בריף האט מיר פיל פרייד גימאַכט, אונ צום מערשטן דש גרים פון מיין ליבן אונ הארציגן חתן, איך האָב אוך גיהערט דער ציילען פון דעם שרייבן פון מיין שיינעם חתן און יעצונד האָב איך עש מיט מיינה אייגינע אוגן גזעהן די פאר שנור פעריל די ער מיר גישיקט האט, וועזן אוך זיי זיינן ניט גרוש אבר דש קאליר איז זייער העל אונ שיין, די אורינגליך די איר מיר גי־שיקט האט, זיינן דער פון די היינג־לאך גאר צו קליין, נאר איך מוז עש דאך פר גוט אן נעמן, דער סדר קרבן מנחה איז איין שלעכטר דרוק2), ע״כ בעט איך אז איר זאלט מיר קופין פון ווילנער דרוק, ווייל די דרוק איז יעצט די בעשטע דרוק, גם מיר אוך צו שיקן איין פיינעם מחזור אויף טייטש ווייל די אלע מחזורים וואש זיינן שון גי־

(1) איז עס דאָס זעלביגע וואָס „הערליכע״? מען זאָגט אויך — האַלטען ערליך פאָ־טער און מוטער, מיינענדיג — בכבוד האלטען.

ערליכע מתנות, קאָן דעריבער זיין — בכבוד׳ע. זעה א. מ. דיק, די קאָוונער בריקע, ווילנע, תרל״ה, ז. 40: זאָגען דעם חתן מוסר דאָס ער זאָל ערליך האַלטען שווער און שוויגער.

(2) י. בודזאָהן, האָט א מעשה, א חתן אויף ארענדע, (ווילנע, תרס״ט), געהט דאָרט א שידוך שיער נישט אָפּ, ווייל דער סידור וואָס דער חתן ברענגט איהר, איז געדרוקט אויף שלעכט פאפיר, מען מוז דער כלה באווייזען אז דאָס איז נישט דעם חתן׳ס שולד נאָר די שולד פון די דרוקערס, וואָס דרוקען אויף שלעכט פאפיר „די סידורים׳לעך, וועלכע מען קויפט פאר כלות״. (ז 19).

דרוקט גיווארן איז פון זיי דעם טייטש גאר ניט צו פר שטיין, אונ איך האב גהערט אז בווילנא זאל גדרוקט ווערן איין מחזור מיט טייטש וואש עש שוין צו הערן זאגן אז עש ועט זיין זייער שיין געדרוקט אונ דר טייטש פיל פר בעשרט ע״כ ליבר מחותן דש וועט זיין באיי מיר די בעשטע מתנה, דש שטיק דש איך האב מקבל גי־ווען איז גאר וואונדר אפ גיארבט ובפרט דאש איך גהערט האב, אז מען האט זי אין ווילנא גיארבט, אונ זי איז פיל שענר איר ארבט ווי די אויש־לענדערשע, (1) איך האף אז איה״ש אוף

(1) אין נאָך אנדערע בריעף פיהרט ער פראפאגאנדע קעגען אויסלענדישע סחורות.

אין בריעף 16 שרייבט א סוחר:

„ווי אונז דוכט איז כדאי ערשט מיט מאָסקוועער סחורה צו האנדלן, מען קאָן זיך דש פראצענט פן געלט אוים טראגן, די סחורות ווערן זייער גוט גמאכט, קיין ריזיקע איז דר ביי ניטא, די הוצאה דר פון איז ניט אזו גרויש, עס לעבן היינט דר פון די גרעסטע טייל סוחרים, קיין אויסלענדישע סחורה וויל מען במעט היינט אין האַנד ניט נעמען, וואש דארף מען די גאנץ טייערע ווען מען קען מיט די וואלוועלע אויך אויס קומן, זיידן ווארג ווערן זייער גוט גמאַכט, ווייסע סחורה איז אויך ניט שלעכט, גלאז איז גאר ניט צו בעקומן אויסלענדישע ווי רו־סישע איז, גאלאנטעריע סחורה ווערט אויך זייער מאדיש אין רוסישע פאברי־קען אין גפירט, טוך דש היישט גיוואנט איז אויך אין גאנץ ליטא אין די פאברי־קין זייער פיינע צו געפינן, מיר מוזן ארענטליכע משולחים ארוים שיקן און מיר וועלן אי״ה גוויס אונזער פראָצענט פון געלט פר דינען.״

דער אנדערער סוחר ענטפערט איהם אויך אָב באריכות און באווייזט מיט אותות ומופתים אז די רוסישע סחורות זיינען בעסער ווי די אויסלענדישע.

דעם יו"ט הבע"ל וועט איר נאך מיר שיקן דעמאל וועל איך אפשר ביי אייך פיל וואש מער אנפאנגען פון מתנות, אונ איך האב אוך די עהרע אייך מאכן צו ווישן דש מיין פאטר האט שון אוך גיקופט גאר שיינע מתנות פר מיין חתן היינו איין שיינעם גילדענעם זייגר גזעצט ארום דעם קופערט מיט רובינען, אונ אויך איין פיינע שטריי־מיל זייער שיינע אגאנקעס1) רוסישע אויך האט ער גירעט מיט מיין מוטר אום וועגן ער זאל פארין חתן מאכן איין שיין פיקסן פוטר אונ האט גהייסן איין קירזנער אוש זוכן איין שיין בלאם פיקס, אונ איך האף אז מיין חתן וועט אוך זייער צו פרידן האבן אונ אין דעם זייט גזונד אונ פריש אונ גיריסט מיין חתן גאר פריינטלך גם צו מיין ליבע מחותנתע2) פון מיר אייער כלה רוזה נחמה,

(1) אגאנקעס — אין פויליש די עקלעך פון וועלכע מען פלעגט די שטריימלעך מאַ־כען. זעה א. מ. דיק'ס „די אידישע קליידער אומוועקסלונג וואס איז גע־שעהן אין דעם יאָהר 1844", ווילנא, תרל"א ז. 5: די שטריימעלע וואר פון שויבעלנע עקלאך. און „ר. שמאיע דער גוט יום טוב ביטער" (ווילנא, תרמ"ז, ז. 18): דאָס שטריימעל דער ווערך וואר סאמעט און אונטען וואר זי בעלייגט מיט סויבעלנע אגאנקים און וויל עס וואר פיל עקליך וואס זינען געווען געדעקט איינע איבער די אנדערע ביז עס האָט אויסגעזעהן ווי א קליינע שטראָם וואַ־סער, האָט מען עס גערופען שטרוי־מעל". (III)

(2) ווי עס שיינט איז אויסער דער ריין־העברעאישער פארמע מחותנת, און אוי־סער דער מחותנת'טע, וואָס האָט צו דעם נאָך א ריין אידישען פעמינין סופיקס צוגעזעצט ליתר תוקף ועוז (זעה נח פרילוצקי, דיאלעקטולוגישע פורשונגען. ז. 119) נאָך געווען די פאָרם — מחותנ'טע. וואָס ביי אונזער מחבר קומט זי אויס מחותנתע.

ע נ ט פ ר

יום י"ג לחודש אדר שני

מיין ליבע כלה איך האב דיין בריף גילייענט אונ האב גרויש פאר גיניגן גיהאט פון דעם אז דוא שרייבשט מיר אז דוא בישט נאר צוא פרידין גיוועזן פון מיינה מתנות, און איך וועל אי"ה אויף יו"ט הבע"ל שיקען נאך דיר איין שיינה בריקע1) מיט 4 פאר פערד און איך האב נאך פאר דיר שיינה מתנות אן גיגרייט, נאר דיין חתן האט אויף דיר איין ביסל פר איביל ווארום דוא זעהשט ניט אז מען זאל אים שוין זיינה מתנות אפ שיקען, און דער חתן האט מיר אוך שון אליין גיזאגט אז ער איז צוא פרידין מיט דער כלה און איז זייער צוא פרידען גיוועזן פון דיין בריף אז ער האט גיזעהן דיין שיין שרייבען, און ווייטער האב איך קיין נאייש צו שרייבן, זעהן זיך צו צו־ריכטן אז די פור וועט קומן נאך דיר דש זי זאל ניט בדארפן פיל שטיין אונ תיכף צו פארן פון מיר דיין מחותן ירוחם פישיל כ"ץ2).

(1) פויליש: אַזאַ מין וואָגען. ביי א. מ. דיק, ספורי מוסר, ווילנא, תרל"ה, ז. 12: גילאָזט איינפאקען אלע זיינע זאַ־כען מיט גאָר די הויזראָט אין דרויא בריקעס.

א קלענערער וואָגען פון דעם מין, איז א בריצקע (אין פוילען און אין פוי־ליש: בריטשקא), א. מ. דיק, נטע גנב, ווילנא, תרמ"ז, ז. 30: האָט געפיהרט אין זיין בריצקע א סוחר.

(2) וועגען די חתן־כלה מתנות, א סידור, א מחזור, א גאָלדענער זייגער א. ז. וו. אויך וועגען דעם „אָבאָכטען" חתן־כלה אויף יום־טובים, זעה מיינע אר־טיקלען „מחיי־העם", העברי, גליון מ"ה 1920 און גליון ב' 1921.

עס קומען דאן נאך צוויי בריף פון אידישען דלות, אידען זיינען מטופל מיט קינדערלעך, מיינע, דיינע, אונזערע, מען שטארבט, יתומים, ווידער חתונה, מען איז מטופל און מען טופעלט נאך.

לאהובי דודי הה' הרבני הרוזן
המפורסם מהו' חיים שמעון נ"י,

אז עס קומט אויף דעם מענשן דער אונגליק, קערן זיך שוין פריינד אויך פון אים אב, דאס הויז וואש איך האב גהאט האבן בעלי חובות אוועק גינומן, איך בין גיבליבן אגרוסער מטופל בנים, איך האב אכט קינדר זאלן לעבן איינער גרעשער פר דעם אנדערן אנדרע וואש עס איז שוין לאנג צייט געוועזן אויש צו געבן, און איין קינד פון ניין וואכן בייא דער ברוסט איך האב גמוזט שוין אין שכנות אריין, אין איין קליינע שטוב וואהנן מיר אונזערע פינף שכנים, צוויי אויף צוויי גילענדערס 1), און 3 אין שטוב, דעם גאנצן

(1) דייטש — געלענדער, באלוסטראדא. מיר איז נישט באקאנט פון ערגיץ אנדערש דאס מען זאל האבען געהאט אזעלכע געלענדערס אין שטוב.
זעה שמ"ר, „איציקעל" ווילנא, 1914, ז. 20: כמעט אלע היגע אידען לעבין אין דלות... און וואהנען ענג, אפשר צעהן שכנים אין איין שטוב.
אין א שטעדטעל ווי מיינער א ברודער איז געוועזן רב, האבען דריי פאמיליעס געוואוינט אין איין דירה, זעכען נשים צדקניות געקומען צו איהם צו לויפען הלמאי מען לאזט צו אזא ניט מאראלישע זאך אין א שטאדט. מיט גוטען האט ער אבער נישט געקאנט פועל'ן ביי די חברה דאס זיי זאלען זיך ארויסציהען, הכלל איז ער געפאלען אויף אן עצה און אנגעזאגט דעם שמש, דאס ווען ער קלאפט אין שול אריין, איז אנשטאט וואס ביי אנדערע הייזער קלאפט ער 3 קלעפ, זאל ער ביי דעם הויז גיבען 9 קלעפ, דריי פאר יעדער משפחה. בשעת שול־קלאפען האבען ווייסע חברה גלייך זיך אנגעהויבען דארט צוזאמענקלייבען מיט א הורא און געפילדער ביז די פארפעלקער האבען זיך פאנאנדערגעצויגען און אויפגעגעבען די מאדנע קאמונע.

טאג איז נאך ווי עס איז צו דר לוידן ווייל אנדרי זיינן אין גאס, און אנבייסן האט קיינער ניט צו קאכן, איז נאך ביי די ווייבר איין ביסיל שטיל, עס קומט אויף דר נאכט, האבן צוויי דריי צו קאכן וועצערע, הייבט זיך אן די ערסטע געשריי ווער עס זאל פריער דעם פייער אן ליגן, דער נאך ווערט דר גרוישער לארים ווי זיי קענן זיך מיט דר קיך ניט צו טיילן, דר נאך ווערט גשאטן קללות דעם בעה"ב פר וואש די וויניג האלץ איז נאס, ווויטער וויטער קומט ארויס גישלעג ווי איטליכער וויל פריער פר קאכן, דא גייען קולות פון די געלענדרס אויפן שטוב, און אין שטוב איז לארעם ווי אין איין מרחץ, ביז די מאנן פון גאס קומן, אנדרע וועלכע שטארק טרינקן קומן שכור, דא ווערט גשריי אונ גשלעג פון דש נייע, עס ווערט גיווארפען וואש נאר אין האנד קומט אריין פון די געלענדערש אויפן שטוב, און פון אונטן ארויף, קיין ליכט איז בלויז ניט פר האנדן, ווערט געלארימט ביז צוויי דריי אין דר נאכט, עס קומט פרייטיג מוז מען שוין גאר פון שטוב אוועק, דער שרייט די חלות איז רוי, און דר יצרייט עס איז פר ברענט, דער שרייט פר אכטאגן איז דר צאלינט גוועזן אוים גברענט אונ דר שרייט עש האט גאר ניט אויש גיזאטן, עס איז אריינר מישונג ביז נאך ליכט בענטשן, דער נאך איז לארעם מיט די מאנן וואש זיי האבן וויניג אויף שבת גיגעבן, פר צוויי וואכן איז אן גיפאלן די וואך אויפן לארם און האבן אונז אלע צו נומן, און פון דר שרעקנים האט דעם קינד פון ניין וואכן פר שאדט די מילך וואש ער האט גיזויגן איז גערביך אונשולדיג גשטארבן, מיין ווייב פון שברי לבו1) איז אויסן זינען געווארן,

(1) דאס זעלבע אויך אינ'ם ענטפער און אויך ווייטער ז. 34. אבער ביי י. ח. טביוב „היסודות העברים ב'זארגאן" שברות לב.

זי גיט אן גרושי מעשים, זי האָט ביי נאכט מיינע ביידע עלטרע מיידליך אין שלאָף די האר צו זאמען גיפ־לאכטן, איך הער ביי נאַכט די קינדר שרייען, מען האט קאם בקומן פייער און מיר זיינן איר גוועזן געניט צו בינדן, אונ אויף מארגן צו ווישן אללע משוגעים אוועק גיגעבן, מען האט איר דארטן געשמיט, און איז אין איין קורצע צייט גשטארבן, נון הײנט מיין ליבער פעטער קענט איר פר שטיין ווי גרויס מיין אונגליק איז, פיליכט קאנט איר מיר העלפן, דש איר זאלט מיר מיינע קינדר עטליכע צו זיך נעמן ביז איך וועל איין אנדר ווייב נעמן, אוב איך וועל נעמן איין ווייב אן קינדר וועל איך זיי באלד אב נעמן, אין דעם לעבט וואהל, דברי בן אחיו אברהם חיים במהו׳ שמשון משולם,

ע נ ט פ ע ר

יום ד׳ ג׳ לחודש שבט

לאהובי בן אחי הה׳ הרבני
המפורסם החכם מהו׳
אברהם חיים נ״י,

מיין פריינד איך האָב אייער בריב גליינט, איך האב גמוזט פון גרויסע שברי לב אין מיטן לאכן פון אייערע שכנות, איך האב אמת צער פון אייערע קינדר וואש די מוטער איז זיי אב גשטארבן, נאר אז זי איז ניט גיוועזן אויסן זינען, איז זי אויך משוגע גי־וועזן, פר געסט ניט אז איר האט אלס דורך איר אן גווארן, נאר וועגן די קינדר וואש איר בעט דש איך זאל עטליכע צו זיך נעמן, איך האב מיין פריינד אן עין הרע די סחורה גענוג, דאס וואש איר ווילט נאך נעמן איין ווייב, און אפשר נאך מיט קינדר, איז קיין גרושר שכל ניט, ווי איך זע קענט איר אן צוועלף פופצעהן קינדר קיין אָרעמאַן ניט זיין1) זעט בעסר די

(1) א. מ. דיק (מאַטקע און הערשקע ז. 11) אַגיטירט אפען אקעגען האַבען מעהר קינדער אלס מען קאָן מפרנס זיין.

זכרים צו בעלי מלאכות אוועק צו געבן, און די נקבות אין איין קראם, צו זייערע חתונת אי״ה וועל איך דר אמת זעהן ווי פיל מיגלך איז צו העלפן, הלוואי זאלן זיי מיר ניט דארפן, אין דעם זייט גזונד, און זעט בעסר אליין וואו ארענטליך צו פר דינן,
דודו חיים שמשון,

עס קומט דערנאך א בריף פון א יונגען ישוב־מאן צו א שכן אן אלטען ישוב מאן, פון וועלכען ער פרעגט אן עצה וואס ער קאָן טאָן מיט די ימים נוראים „דאָס ווייב שרייט אז איין פיש אין וואשער ציטערט1), הײנט ווי דארף איך ציטערען״ זי וויל אלע זאָלען פאָהרען אין שטאָדט אריין, ער פארשטייט אבער נישט ווי ער קאָן די קרעצמע פארמאכען און ווי וועט ער זיך דאס אנדינגען אין שטאָדט פאר עסען, עס וועט דאך קאָסטען אן אוצר, ער דערמאָנט זיך דאס פסח איז געוועזען א פארגעניגען, דאָס ווייב האָט זיך גי־נומען שטויסען די מצה, ער האָט זיך גי־פאָרעט ביים כשר׳ן דער העלפער2) האָט דעם סדר צורעכט געמאכט די ווייב האָט אב גיקאכט קניידלאך, ער האָט זיך אָנ־געטאָן דעם קיטל, „זיך געזעצט אויפ׳ן עסען בעט״ 3) אביסעל געזאגט און דערנאָך טאקע געשמאַק גיגעסין, דאָס ווייב האָט גגנבת דעם אפיקומן, איך

(1) לויט שמר״ן (דער אוצר, ווילנא, תרמ׳ה ז. 61), זאָגט מען נאָר, דאָס יום כפור ביי נאַכט ציטערט אפילו א פיש אין וואסער.

(2) ער מוז מיינען דעם בעלפער. זעה, דאָס שטערינטיכעל, אָדער — שבת חנוכה אין מעזיביז, ז. 8: חתונה האָבען מוז מען באם מען וויל ווערען א מלמד, כל זמן מ׳האָט ניט חתונה הייסט מען נאָר בעל־פער.

(3) ביי מענדעלע מוכר־ספרים באנד 14, „דער חילוק״ זייט 9 הייסט עס „הסב־בעט״, (אויך יהואש—ספיוואק, און האר־קאווי אין זייערע ווערטער־ביכער האל־טען עס פאר א העבראיש וואָרט „הסב־

האב זיך מיט איר צוקריגט האט זי פאר כעם גאר דעם העלפער אוועק גיגעבן, אלין צו דערליידן, מיט די ימים נוראים וויים איך גאר ניט וויא מען דא טוט, איך בעט אייך ליבער פריינד שרייבט מיר אב ווי איהר זייט זיך נוהג, און וואש איר גדיינקט ניט פרעגט ביי אייער ווייב".

דער אלטער ישוב'ניק שרייבט איהם
לאהובי ידידי האברך מהו'
ברוך בענדט נ"י,

מיין ליבער פריינד איך האב דורך דעם שליח דיין בריף מכח ימים נוראים מקבל גיוועו, גאט איז מיט דיר וואש טייטש דו פרעגסט מיך ווי צו טאָן, מען מוז אלין לייגן אויף איין זייט, אגרוי־סע צרה מיר ניט1) ראש השנה ווילסטו פארן אונ יום כפור זאל זי פארן, אונ מיט דעם העלפר קענסטו זיך קיין עצה ניט געבן, אים לאז אין דר היים אונ דו מיט די ווייב און קינדר מוז אין שטאט פארן, פר שלים אלין אונ מעסט אים צו, אויף די צוויי טעג ראש השנה מוזטו מיט דר ווייב אונ קינדר פארן אונ מיט נעמן איין מחזור מיט דעם טלית מיט איין טדוד, און דער עיקר איין תהלים, וועשטו הערן מיט זיי שופר בלאזן, און וועשטו אליין זאגן תפילות וועט דיר אי"ה גאט העלפן וועשטו דיך דינגן צו עסן וואו ביי איין בע"הב, וועשט חלילה בדלית ניט ווערן, דער נאך וועשטו זיך פארן

(1) דאָס איז צוליב אל תפתח פה לשטן. ביי דינענזאָהן: וועה איז מיר ניט. (הערשעלע, ז. 81) א וועהטאָג איזמירניט. (דאָרט, ז. 139) און ביי מענדעלי מוכר־ספרים: אוי, א דונער האָט מיך ניט דערשלאָגען. (באנד 5, ז. 49 און ז. 66).

בעט") אָבער אין ב. 11 ז. 116 הייסט עס ,,עסעבעט" אזוי אויך אין באנד 7 זייט 20 און ביי שלום עליכם'ען ,,דער מבול" זייט 243. ש. באסטאמסקי ,,ביים קוואל", ז. 35 רופט עס ,,א העסע־בעט".

אהיים, ערב יו"כ וועשטו נעמן די קינדר אונ כפרות, אונ וועשט מיט זיי שלאָגן, אונ אז דו ווילסט קענשטו זיך נעמן פון דר היים עסן, אז דו ווילשט שלאג אב מיט די ווייב אונ קינדר דער היים כפרות און פיר זיי אין שטאט, וועשטו קענן די נאכט פר ערב יו"כ דר ווייזן אין שטאט, וועשטו ביי נאכט גיין צום שוחט און אין באד, וועשט זיך אפ גאלן, אן טאן איין וויי־סע העמד, נעם עטליכע גראשען צדקה צו טיילן, מיין קינד דו ביזט גאר יונג ערב יום כפור אין דר פריא זאלסטו נעמן איין מענה לשון אונ זאלשט גיין אופן פעלד2), ראש השנה נאָך דעם עסן וועשטו גיין צו תשליך צום וואשר, וועשט אב שלאגן אללע עבירות, אגאנץ יאר ווי אגאנץ יאר ערב יו"כ איז איין מצוה פיל צו עסן, וועסט קופן וואקס וועשט מאכן איין תפלה ליכט אונ איין ריינה נשמה ליכט3), ערב יו"כ מוזטו זיך לאזן שלאגן מלקות, אין דער פרי אב ריכטן התרת נדרים, זוי ווי אלע אידן פירען זיך מוצאי יו"כ אויף דר נאכט קענשטו פארן אהיים, דר נאך נאך גאטש נאָמען (4) אז דו וועשט האבן אויש גבעטען א גוט יאר קומנדיג אהיים וועשטו אויש שמירן די פיר ווינקליך מיט האניג, וועשטו האבן אזים יאר ווי אונזערע עלטערן האבן זיך גפירט, נאר פר געס ניט ערב יו"כ קרעפליך

(2) בית החיים. פארגלייך מיט'ן אויס־דרוק — פעלד מעסטען. ביי דינענזאָהן: אויפ'ן רייניעם פעלד געוועזען. (יאָסעלע, ז. 14).

(3) אויך מענדעלי מו'ס ב. 8, ז. 402 רופט עס ,,ריינע נשמה־ליכט". דאָס אנדערע ליכט ווערט אָבער ביי ספעקטאָר'ן (ב. 3, ז. 142־43) אָנגערופען — ,,דאָס לע־בעדיגע ליכט". זעה דאָרט אינטערעסאנ־טע איינצעלהייטען, אויך אין מיין אָבהאַנדלונג ,,ממנהגי ישראל" אין ער־שטען באנד ,,רשומות". אדיסה, תרע"ה.

(4) זעה ספר המטעמים: ,,קורים את היום שלאחר יום כפור צו גאָטס נאָמין".

אונ צימעש, איז איין רעכטר מנהג אי"ה איוף שמחת תורה וועלן מיר קיין בראנפן ניט זאלעווען, אונ מיר וועלן הוילין און לוסטג זיין, אין דעם זיי גזונד דיין פריינד, עוזר חנוך,

א זעהר אינטערעסאנטע באמערקונג געפינען מיר אין דער איינלייטונג צו בריעף דרייסיג זייט פינף און פערציג ווען איין סוחר שרייבט צום צווייטען: „נעמט ניט פר אום גוט דש איך שרייב אייך ניט אויף לשה"ק ווייל ביי אונז אין האנדל איז איין גפירט אקוראד ווי מיר יידן צו שרייבן, כדי עש זאל קיין שום טעות אין האנדל ניט זיין".

עטליכע בריף וועלכע איך געפין פאר זעהר אינטערעסאנט וויל איך נאָך דא געבן אום דער לעזער זאל א בעסערען באגריף האבען וואס מען קאָן ערווארטען פון די בריפענשטעלער אויב עס זיינען דאָ נאָך אזעלכע ווי דער וועלכען מיר באהאנדלען דא.

יום ב' ד' שבט תקפ"ב מינסק

לאהובי אבי הה' התרני היקר מהו' משה שמעון נ"י ולאמי היקרה הצנועה מרת גענענדל שתי'

מיינע ליבע עלטערין, ווי איך בין פון אייך אוועק, האב איך מיר באלד נאך מינסק בגעבין, פיר וואכין האָט גווערט איי איך האב איין שטעל בקומן, דר נאך בין איך דורך איין מעקלער צו הנגיד מהו' שבתי נחמן אן גיקומן פר איין קרעמער אין איין ווייסע קראם(1) איך נעם דר וויל נאר אכט רענדלעך איין יאר, איוף מיינע שוכין קליידן, עס מאַכט אופט אויך פיר אודער פינף גילדן איין וואך, דר בעה"ב איז קיין שלעכטר, נאר די ווייב מעג פון מיינט־ וועגן , , , מען לויפט דעם גאנצן טאג

(1) זעה אויבן ז. 15 : „ווייסע סחורה".

צו שררות אין סטאנציעס, קומט דר נאך פר גינט זי דעם שטיקל ברויט ניט נאר דר בע"הב האט מיר פר זאגט איך זאל אויף איר ניט פרעגן נאר דעם ערשטן מאל איז מיר גיוועז שווער צו ליידן, אבר ערשט בין איך שוין איין גיוויינט, איך האף דעם אנדערן יאר וועט מען מיר גוויש העכערן שכירות, און וועל אי"ה קומן צו איין תכלית איך גיי מיר מיין ערליכן וועג, איך היט אפ מיין זאך וואש מיין שולדיג־ קייט איז, ניט חלילה ווי אנדרע קרע־ מערשע יונגען גייען שפאצירען, גיבן אויש געלט אויף ביר, ביללערד אונ אנ־ דרע זאכן , , , איך היט מיר אפ מיין דאבנען, מיין תהלים, אום שבת וי"ט ווען איך ליידיג בין, בין איך מיר רוהיג צו הויז, אום גאטש ווילן זעט מיר איין פאספארט צו שיקן, ווייל אין מינסק קערט גאר די וועלט וועגן פא־ דאטקעס(1) זעט למע"הש וואש צום גיכ־ שטין מיר צו שיקין דעם פאספארט ווייל מען קען מיר חלילה נעמן צו דר ארבעט, דברי בנך חיים שמואל במהו' משה שמעון,

באזונדערע אויפמערקזאמקייט ברויכען מיר צו געבען די צוויי בריעף צווישען א דייטשען און פוילישען אידען וועגען משדך זיין זייערע צוויי קינדער.

אומגערעכטערהייד ווערען מיר דאָ גע־ וואר אויסערגעוועהנליך אינטערעסאנטע פרטים וועגען די אידען אין דייטשלאנד, און דער אונטערשיעד צווישען זיי און פוילישע אידען.

יום ב' ו' תמוז תקפ'א האמבורג

להרבני המפורסם המשכיל מהו' מרדכי אלכסנדר נ"י,

ווי אייך בקאנט איז, דש ביי אונז איז קיין שדכנים ניט אין געברויך, אלס

(1) פויליש—טאַקסעס. עס איז אינטערעסאנט דאָס די יונגען האָבען שוין דעמאָלסט געשפיעלט אין „ביללערד".

דען שריב איך אייך זעלבשט ווי איך גיהערט האב, דש איר זוי איין קלוגע טאכטר האט, און שיין פון גישטלט, נון ווי מיר אויך גאט בה׳ מיט איין גוטען, ארינטליכן זון גיבענשט האט וועלכן איך האב אכט יאר אין פראגער ישיבה גלאזט לערנין אויף מייני קאסטען1), ביז פינף הונדרט בלאט גמרא קען ער אוים וויניג, איז אויך דר ביי איין אויסגענומענר קלוגר, צייט דריי יאר ווי ער פרעמדע שפראכן לערנט, ער בעזיצט די העברעאישע שפראך דש הײשט לשון הקודש מיט דקדוק, אונ אללע כללים ווי אנדרי שפראכן, ווייל איך האב איהם אויך גילאזט אין ברלין זיין דריי יאר ביי די חברה חנכי נערים (2) וואו ער אין תנ״ך זו קלאר איז, דש ער כמעט קען ווישן וויא פיל פתוחות און סתומות אין תנ״ך איז, דייטש, פראצייז, ענגליש איז ביי איהם ווי זיין מוטר שפראך, אין רעכן קונטס קען ער פראפעסאר זיין ביז נאך אלגעברי אלט איז ער 17 יאר, שיינין גיוויקש, גיוט דייטש גיקליידט, בארד פאנגט זיך אן צו ווייזין און שפראצען, איין ירא שמים, ווישן זאלט איר ווען ביי אונז איין פרומר מאן גיבט, איז ביי אים גוויש קיין רמאות, ווייל ער זייער אויף גיקלערט איז, און איז צו גאט ווי איין דינר דארף צו זיין הערן זיין, ווען ער העט מיר אנדערש אויש ווייזן, קענין זוי זיכר זיין דש איך העט איהם פר איין

(1) דאָס הייסט ער האָט קיין טעג נישט געגעסען און קיין „אָרים בחור״ נישט געוועזען.

(2) ה׳ יצחק ריבקינד שרייבט מיר: „חברה חנכי נערים״, באציהט זיך געווים צו די אין מענדעלזאָהנ׳ס צייט באריהמטע שולע „חנוך נערים״, באקאנט אויך אונטערן נאָמען „די אידישע פריישולע״,

פולישן יודענס טאכטר ניט גיגעבן, נאר ווייל זוי זיינן איין גרוישר פאמיליאנט1), און ניט שלעכט אין שטאַנד, און די מעדכע איהר טאכטר, קלינגט אין בערוף, אלס דען קענין מיר איין שיינע פאר פון זוי מאַכין למז״ט, געלד וויל איך איהם פינף טויזינד טאללער געבן, אויב וואהל ביי אונז גיט מען קיין זון קיין מעבל און הויז ראט2) נאר פר מיין זון וועלכר טייער אין דר וועלט איז אויך, גיב איך איהם אויסער דש געלד 1000 טאלער פערל און בריולאנטען, קריגט ער צוויי קנאפיען, איינע זאפע, איין טוץ שטולן, צוויי שרייב טישען, איין גרוישן טיש מיט 30 שופלאדין צו פאפירן, דריי ציממער טישן אללע מיט מעהאן האליץ אונ עבען האליץ גיזעצט, 2 טוצענד האַנדטיכר, אויף 34 פערזאָן טישטיכר, 6 פאר גארדינען צו פענסטר, אויסער קופער צין

(1) י. בודזאָהן, דער אפריקאנער חתן, ווילנא, 1914, ז. 30 : „דערצו איז דער חתן א גרויסער פאמיליאנט״.

(2) אויך ביי א. מ. דיק, „דער סאָלדאטסקי סין״, ווילנא, תרל״ו, ז. 98, אלע הויזראָט. פון דייטשען „האוזגראָט״.

געגרינדעט דורך דוד פריעדלענדער און זיין שוואגער יצחק איציק.

די לעהראנשטאַלט האָט זיך אָנגעהויבען אָרגאניזירען אין 1778 און אָפיציעל ערעפענט ר״ח אייר, תקמ״א און אָנגעהאלטען איהר עקזיסטענץ ביז דעם 29-טען דעצעמבער, 1825 (תקפ״ו) ווען עס זיינען אויפגעקומען אין בערלין די אידישע געמיינדע שולען. זעה: ריטטער, געשיכטע דער אידישען רעפאָרמאציאָן, בערלין, 1861, ב. 2, ז.ז. 39-43.

גיפעס צום קיך אונד שפיגלען דריי1) אלזוי ווען אין אָנשטענדיג איז שרייבן זיי איהרן טייל, וואש זיי גיבן איהרן קינד בעשטימט, דען ווערדן מיר ווישן ווי צו ווענדן, לעבן זיי וואהל, איהר פריינד אונ דינער אויף איממער, מאַר־קוס מענדהיים קאססעל,

מיין פראה גיטל גריסט איהן אונד אייער פראה פיל מאל,

מרדכי מענדהיים הנ"ל,

ע נ ט פ ע ר

יום א׳ י"א אלול תקפ"א יערעסלאוו הערן מרדכי מארקוס מענדהיים קאססעל נ"י

מיין ליבר הערר, איר האט מיר זייער פיל כבוד גימאַכט מיט אייער בריף, איך העט אייך אויך שרייבן אויף טייטש, נאר מיר קענין דש ניט זייער ווייל מיר ניט גילערינט האבן, מיר האבן גיהערט זייער פיל פון אייער טייערן ליבן זון המושלם, דש ער איין גילערנט קינד איז, עש איז פר אונז זייער אנשטענדיג, אונ מיין טאכטר קען גוויש גליקליך זיין, נאר איך מוז אייך ווייזן דש דר שידוך איז ניט בעשערט ווי מיר זעהן, איינש איין קינד אפ צו גיוויינן פון גיוואנט אויף

(1) דאָס האָט נאָר געקענט טהון א דייטש. א. מ. דיק, (יהודית די צווייטע, תרל׳ה ז. 11,) דערצעהלט דאָס אין יענע צייטען איז א שפיגעל געוועזען זעלטענער אַלס טינט און פעדער אין א באלעבאטי־שע שטוב, און א טינט און פעדער וואר נאָך זעלטענער אלס איין אתרוג אום סוכות, ווען ער איז געוועזען א קינד, פלעגען ווייבלאך און כלה מיידלאך קו־מען פון דער גאנצער גאס צו זיין פאָ־טער אין הויז אלע שבת אין דער פריה איינצוקוקען אין שפיגעל אום זיך ווי געהעריג צו פארשלייערען.

קיטויי איז זייער שווער 1) איין באָרד וועט ער גיוויש וועללין איין לאנגן טראגן ווייל ער איין ירא שמים איז, מיין רעכטר טעם איז, איר היישט מארקוס דש היישט מרדכי, און איך הייש אויך מרדכי, אייער פראה און מיין פראה הייסן גיטעל, אונ ביי פוי־לישע יודען היט מען זיך שטארק פון איינע נעמן צו טאן, עש איז פר־האנדן איין גיוויסע צוואה פון איין גרוישן מאן (2) דש עש איז איין גרוישע סכנה, אונ דעריבר קען קיין שידוך ניט אויש גיהאלטן ווערן, וואו בוידע מחותנים גלייך היישען, און ווידר מיין טאכטר וועט אפט דארפן פארן צו גאסט, וועט זי דאך אין פולישע קליידר ניט קעננן פארן, וועט זי מוזן דייטשע אן טאן, און דייטשע קליידר איז דאך פיל רוינער פר יידעשע, וועט זי דר נאך קומענדיג ניט וועלן מער אויס טאן, עכ"פ עש איז ניט גלייך אויף קיין פאל, איר זאלט אויף מיר פר אום גוט ניט נעמן, איר אין אייער זון זיינגן מיר זייער ליב, נאר עש איז איין זאך וואש אונמיגליך איז, די וועלט וועט ביי אייך פון אייך לאכן אונ ביי מיר פון מיר לאכן, מיין טאכטר האט אפילו זייער פיל לוסט צו דעם שידוך, ביי מיין ווייב וואלט אויך רעכט זיין, נאר איך פר שטוי עש לויענט פר אונז בוידן ניט אין במה וכמה זאכן, אין דעם זייט גיזונד און לעבט וואהל, אייער טרייער פריינד מרדכי בהרב מהו׳ ישעי׳ בנימין החונה פ"ק יערעסלאוו,

מיין פראה גיטל גרים איהר פראה גיטעל פלארע לחיים ושלום,

(1) גיוואנט־טוך האָבען געניצט גבירים, און קיטויי זענען געגאנגען די ארעמע־לייט. ווען מען געוואוינט זיך איין צום גו־טען שמעקט שוין נישט דאָס איינפא־כע ארמע.

(2) די באקאנטע צוואה פון רבי יהודה החסיד.

דאָס לעבען פון די ישוב'ניקעס ווערט מיים‌טערהאפט געשילדערט מיט גלענ־צענדען הומאָר אין די פאָלגענדע בריעף:

יום זיין חשוון תקפ"ג מכפר צעלעסניק

לאהובי אבי הה" התורני היקר
והנעלה כבוד מהו' מענדל פילט נ"י,

דיין בריף ליבער פאטער פון ד"ה תשרי האב איך דער האלטן איך האב אים מיט גרוים פר געניגן גיליייענט, נאר דער מיט וואש דוא האשט גישריבן אז דו קראנק ביזט, האשטו מיר אונ מיין ברודר גאר די גדאנקן צו מושט, וואָרום פר געס ניט ביז די זיבצן יאהר וואש דו האשט אונז גיגעבן לערנן האבן מיר קאם דאבנין אונ סידור אויש גילערנט, און דש קומט אונז נאך אויך שווער אן, נון חלילה וחס ווי די ערד שוויגט זאָל אלעס בייז שווייגן 1) אז דו זאלשט חלילה ניט היינט גידיינ־קענדיג 2) איין אויג צו מאַכען 3) וועט

(1) אן אינטערעסאנטע רעדענסאַרט.

(2) ביי מענדעלי מוכר ספרים ב. 1 „די אלטע מעשה" ז. 16: נישטאָ גערעדט. ביי ספעקטאָר'ן ב. 3, ז. 165: נישט איצט גערעדט. ביי שלום עליכמ'ן, ב. 12 ז. 114, נישט פאר איצט געזאָגט. ביי דינענזאָהן, הנאהבים והנעימים ז. 37, נישטאָ גערעדט, נישט אין קיין אידי־שע שטוב גערעדט, פישקע דער קרומער (ז. 150) זאָגט, נישטאָ גערעדט, נישט פאר אידישע קינדער גערעדט.

נישט גערענקען, איז דאָ ניט דער טייטש צו גערענקען אין זכרון, נאָר־דערמאָנען, ארויסרערען מיט'ן מויל, (זע א. מ. דיק „די אורחים אין דוראַצעסקי, תרל"ב, ז. 9: פריהער דער איך טאָר ניט גידיינקען (גאָט) דערנאָך איר.

דאָס דערמאַנען אליין איז א סכנה, משום אל תפתח פה לשטן. פראָפעסאָר שטראק'ס טייטש: נישט גערעדט פאר מיר, דאָס טרעפפע מיך ניכט — לא עלינו, איז נישט גענוי. עס איז דאָ א אידישע קללה: נישט גערעדט זאָל ער ווערען! עס הייסט דאָס זיין נאָמען זאָל נישט דערמאָנט ווערען. ווי ימח

דאך אונז ביי איין מנין דיא בלוט אין פנים אריין קומן, רעכט קדיש אפילו ניט אן צו הויבן, עש איז אונז גיווארן ערשט זייער שלעכט ווייל מיר זאלן חלילה ניט פר שעמט ווערן, מוזן מיר צאלן ערשט אונזר בלוט איין מלמד פר אונז ביידן 25 גדולים אללע וואך, אונ נאך אויפין ישוב קאם גיוועזן צו בקומן, אמת ער איז דרינן אויך ניט שטארק קלאר, אבער דאך קען ער מער פר אונז, מיר זיינן שוין אבער באלד פארטיג, נאר ליבער פאטער דוא וועשט דאך אונז מוחל זיין אויף דיין כבוד וואש מיר וועלן דיך בעטן מכח אונזר שטיף מוטר, דוא קענסט דאך איר בעסער וויא מיר איר קענין, וואו זיא קען נאר איין גראשין בקומן בהאלט זיא דש אונ גיט אירע קינדר אונ אז זיא האט חשק מאַכט זיא זיך אללע יאהר אנאנדר קארמעזינענע קלייד מיט גרינע סאמעט בליוגט, אירע קאפטינס און אירע פעל־צין אונ לאנגע וויסטן האט דאך קיין שיעור ניט, אונ ווייטר שטאפט זיא אירע קינדר וויא פיל זיא קען, לעב זיך הונדרט יאָהר, גאר לאָז דיין בלוט1)

(1) פארגלייך מיט דעם טייטש וואס מען האָט אין אידיש געגעבען צו דעם גמרא שפרוך: „דמים תרתי משמע". אין דער גמרא מגילה י"ד מיינט עס — דם נידה און שפיכת דמים, אָבער אין אידיש הייסט עס' געלט און בלוט. (זעה י. ח. טביוב, אוצר המשלים, ז. 93) פאר־גלייך אויך מיט'ן אויסדרוק: ממים מיט דמים (ספעקטאָר, ב. 2, ז. 67) דאָס ערשטע וואָרט זייענדיג פארגרייזט פון ממון. יצחק יואל לינעצקי אין זיין פויליש אינגעל (אדעססא, תרמ"ה, 105, 102), שרייבט: אידיש־בלוט, מיינענ־דיג אידיש געלט. אויך ביי „סטעמפע־ניו" ז. 92: — מיין געלד, מיין בלוט! זעה אויך אמ'ד, די אורחים, ז. 5: „א דמים־צאַפּער", וואס איז דאָס זעלבע וואָס „א בלוט־זויגער".

שמו וזכרו.

(3) אן אויג צומאַכען—שטארבען. זעה מיין „וואונדער־אוצר" דער מענשליכער קער־פער, ז. 104.

ניט פר פרעמד ווערן, רוף וועמען לאז שרייבן איין צוואה וויא אללע אידן פירן זיך, לאז זיא זיך נעמן אירע קליידר אין איר כתובה, אירע כלים של פסח וועלכע זיא האט אפשר פון דרייסיג פערציג יאהר איז גוויש טאפל איר כתובה ווערט, דש איז דאך ביי איר דר שווארץ אפפיל פון אויג, ליבר פאטר דו דארפשט אויף אונז רחמנות האבן, מיר זיינן שוין אויך אין די גרעסטע העלפט יאהרן, מיר זיינן אויך בעפאללען מיט קינדר דו האשט שון בה' דיינע יארן אפ גילעבט, און ביזט אלט בה' פינף אונ אכציג יאהר, האשט לוב גאט אין גאנצן דארף דעם גרוישן שם, וואלטן מיר מיט קיין ערגערן שם ניט שטארבן, פר גיוויש וואלט דש פר אונז גיוועזן איין גאנצר גליק, די אכטדראטענע דעליע, און דיא גיניצעוועטע קאמלעטענע זופיצע דיין אפינצע אונ דיין שווארצין פעלץ איז ווערט זיבן אכט טאלער, פר דר חזקה פון דארף קען מען אויך נעמן פערציג 50 גילדין, די שטעט אין שול (1) פון ק'ק' אדעלסק איז אויך ווערט 10 טאלער, דער גראבער סדור, דיא סליחה די קינה און דר אלטר מחזור מיט טייטש איז שטארקע 6 טאלער ווערט, דיין ראסמאקענע היטעל איז ווייניגסטענס אויך עטליכע גילדן ווערט, האשט דאך איין נאייעם שאראק, צין און קופער פר עטליכע טאלער, און ווייטער

(1) א שול אין שטאָדט און א שטאָט אין שול — זענען צוויי באזונדערע זאכען.
א שטאַט — האָט נישט קיין שייכות צום דייטשען שטאַדט נאָר צו שטאַטט — א פלאץ. ענגליש — אינסטעד — אידיש אָנשטאָט. זעה אויך דר. מאַקס וויינריך „שטאפלען'', ז. 177 אנ. 257. דערפון אויך: „קאָן אליין זיין שטעדטעל באשטעהן'', מענדעלי מו"ס „יודעל'' ז. 17. זעה אויך אין פראָפעסאָר שטראק'ס אידיש־דייטש ווערטער־בוך. (לייפ־ציג 1916).

זאל מען זאגן וואש מען קען געפינן ביי איין אלטן בעל הבית, הייגט פר געם ניט דארפן מיר נאך איין שוועסטר פון עטליכע צוואנציג יאָהר אויש געבן(1) אמת זיא שטאמילט איין ווייניג, זיא איז ניט פון היינטיגע וועלט, זיא האט זיך פיינט צו פוצען, צוואגן פלעכטן קען זיא זיך דאך ניט, ווייל די האר איז ביי איר צו הויף גילייגט פון קריינק אן, אונ זיא גייט ניט אזו גלייך, דר גאנצער חסרון איז אירער וואש זיא איז בלינדליך, זיא וואלט ניט גיוועזן פויל וואלט זיא גיוועזן איין בריה וואש העלפט דש ווי אן איין מוטר גיצויגן, פון דעסט וועגן קען זיא האבן איין הויכן מזל, נאר אז זיא וועט צו אונז אין דער האנד אריין פאלן, וועלן מיר איר ניט פר נארען, דו וועשט אן אונז קיין מאל ניט פר געסן, אין דעם זייא דו בעסער גיזונד אונ . . . .

יום י"ג חשוון תקפ"א

לאהובי בניי הורגיי הה' הרבני המפורסם מהו' שנייאר בענדעט

והרבני מוה' פייוויש בן ציון בכפר צעלעסניק

ליבע קינדר אויב וואהל איר זייט מיינע שונאים' וויא' איך אייער בריף גיהערט האב לייענען, זאל דש מיינע שונאים זייער אייגינש האבן, וואש איך האב פון אייער פאטער בעהאלטענע, נאר דער רייסטער וואש עש איז גיבליבן וועל איך אייך אונטען אין בריף ריכטיג אב שרייבן, וואש דורך ב"ד איז שוין אליש אב גישאצט גיווארן, נאר איר דארפט ווישן אז י"ב

(1) זעה אמ"ד, דער ליטוואק, ז. 30: א מויד פון איין און צוואנציג יאָהר וואר דאן מעהר וואונדער אלס א ווייביל פון 12 יאָהר אין אונזערע צייטען, און „די אורחים אין דוראצעסק'', תרל"ב, ז. 8. אַכצעהן יאָהר וויגט מען שוין ביי ליטען דאָס צווייטע קינד.

מרחשוון האט זיך איער פאטער מיט
דער וועלט גיזעגינט, איין האלבן טאג
פר זיין טויט האט ער נאך איבער איער
בריף גילאכט, ער האט זיך באמת
שטארק גיפרייט, אז איר האט זיך פר
דער האנד קדיש אויס גילערינט צו
זאגן, אין זויא איין קורצע צייט,
אונ אז איר האט אויך פר דעם טויט
פון מיינע פסחדיגע כלים גילאכט, קען
איך אויך ניט בעשטיין, עש ווייש נאר
איין גאט וואוהל, וויא איך האב שוין
פון איין צייט אב גיקומן נאר וואש
ער האט פר דעם טויט גיטאן, וואלט דש
איך ווייש גאר ניט ווער גיטאן, דש
איז גיוועזן איין ערך פון צוויא
שעות פר זיין טויט דוקא איך זאל אים
צווי דריי גילדן געבן ער וויל צדקה צו
טיילן פר זיין נשמה, (1) ער האָט גי־
וואוסט אליין אז איך האב קיין גראשין
ביי דער נשמה, ניט אנדערש זאגט ער
איך זאל האץ דעם קיטל פר זעצין, איך
האב אן גיהויבן צו שרייען, גזלן דוא
דארפשט דאך היינט מארגן שטארבן מען
וועט דאָך דיך דארפן אין קיטל בעַ־
האלטין(2), וואש הארט דאש דיך זאָגט
ער, אז דער מלאך המות וועט קומען,
וועט ער מיר וועלן נעמען וויא איך

(1) אן אינטערעסאנטע מצוה, צו שטארבען געבענדיג צדקה. ערשט נישט לאנג האָט דער דראהביטשער רבי אין ירושלים, שטארבענדיג אוועקגעגעבען זיין לעצ־טען פונט פאר'ן נאַציאָנאַל פאָנד.

(2) די ראשי־תיבות פ"נ אויף א מצבה טייטש מען נישט פה נקבר, נאָר פה נטמן. אין „גל־עד" (אבני זכרון דק"ק פראג, פראג, תרט'ז) שטעהט אויף מעהר־סטע מצבות בפירוש: פה נטמן, פה טמון זעה אויך שלום עליכם ב. 13, ז. 56: צום סוף באהאלט מען זיי אין פרעמדע תכריכים.

שטיי אונ גיי(1) איז גוט, אונ ווען ניט
וויא ער וויל זיך איך האב עש דאך
ניט גיוואלט טאהן, ער איז אבער אריין
גיקומן אין גרויש כעס אונ האט זיך
אויף גיחאפט מיט זיין גרושן שטעקן,
אונ האט דער גרייכט די פאליצעס מיט
די טעפ אונ האט אראפ גיווארפן אללע
איין גישמאלצענע מאקעטרעש(2), אללע
צאלינטעפ פון פסח מיט פעדערן פול,
עש איז ניט אויף איין האר גיבליבן,
איך האב פר גרויש שברי לב גיחאלשט
אונ גיוויינט, אונ דער נאך אין איין
פאר שעות(3) איז ער גישטאָרבן, איך האָב
אים אלץ מוחל גיוועזן, די דעליע מיט
דיא אפינצע האב איך פאר קויפט אויף
הוצאות,,, די שטעט האט אוועק גי־
נומען די קרעמערקע וואש האט
גבארגט די לייווינד אויף תכריכין, די
אלטע ספרים האט דער קרעמער אוועק
גינומן, ווייל אים איז גיקומן עטלי־
כע גילדן וואש ער האט ביי אים אליין
אנגנומן,די איבעריגע כלים, היינו
פלעשער, איין סטופע(4), איין אלטע האק
און נאך קלייניקייטען בין איך פר

(1) די רעדענסאָרט איז אורשפּרינגליך באַ־נוצט געוואָרען אויף א כלה וואס צו־ליב שיינקייט אָדער יחוס נעהמט מען זי אָהן נדן און אָהן חתונה־מלבושים. זעה צ. ב. א. מ. דיק, דער פלעט אויף שבתי, תרל"ב, ז. 25.

(2) אזעלכע גרויסע טעפּ. אין רוססיש — מאקיטרא, אדערמאַקאָטרא. ביי מענדע־לי מו"ס, מסעות בנימין, יובילעאום אויסגאבע, ב. 10, ז. 81: טשאָלענטטעפּ און מאקעטערס. אָבער אין דער אויסגאַ־בע פון מסעות בנימן, ווילנא, 1904, ז. 66 שטעהט: טשאָלענטעפּ מיט מאקער־טעס.

(3) געוועהנליך נוצען מיר שעה אויך אין מעהרצאָהל. זעה כתבי י. ח. טביוב, ז. 228.

(4) רוסיש. אין פוילען — א מערזשעל, פון דייטשען — מערזער.

מיין כתובה בילכר1), פר דיא חזקה געלד וואש איר וועט נעמען קענט איר אייער שוועסטער אויש געבן, עש איז מיר ב״ה איין נס גישעהן וואש איך האב נאך פר זיין לעבן איין שידוך בשטעלט פר זיך, אבער ווען ניט דש וואש וואלט איך אלטע אלמנה געטאן, אין דעם זייט אייך גיזונד דברי אמכם חורגת מטלע ראדע בת המנות מהו׳ יעקב חבל הכהן,

א שוידערליך בילד איז צו געפינען אין דעם פאָלגענדעם בריף וואו עס ווייזט זיך אין דעם מחבר א שטיק מענדעלע מוכר ספרים, עס איז „א סקיצע מיט קויל״ ליידער האבען מיר א זאלכע „שענע אידען״ וואכערניקעס, געהאט וואס האָבען נישט נאָר אידען נאָר אויך יאַנדערע אזוי באהאנדעלט און מיר האבען דערפאר טייער באצאהלט.

יום ג׳ ד׳ אלול תקפ״ב

לאהובי אחי הה׳ הרבני המופלא חו״נ מהו׳ שמואל נ״י,

מיין ליבער ברודער וויא איך בין פון דיר אוועק פון ברדיטשוב בין איך אן גיקומן קיין ווילנא איך האב מיר גיזוכט מיין פרנסה אין גאס צו פר דינען מיט משאות צו טראגן, איך האב אזו גיארבעט עטליכע יאהר, אונ האב שיינע עטליכע גילדין צו הויף גיקליבן, איך האב נאך דעם איין ווייב גינומען פון איין ערליכע משפחה אבער קיין נדן האב איך ניט גינומן נאר שיינע קליידר, נאך דר חתונה למז״ט חוץ דעם וואש איך האב זיך גוט בקליידעט איז מיר נאך איין שיין

(1) פרץ. פאָלקסטימליכע געשיכטען, ז. 98: אָרמע לייט, זאָגט ער, זענען בילכער. שלום עליכם, ב. 1, ז. 88: א בעוואָרעניש איז בילכער.

ביסל געלט גיבליבן ביז איין פאר הונדערט רוביל, איך האב זיך מיישב גיוועזן אונ האב גיקויפט איין קליין קרעמיל (פון ערך צוויי איילין אויף 2 איילין) אין דורך הויף1) דען מיר איז די פרנסה גיפעלן מיט אלטע איזין צו האנדלען, איך האב זיך ערליך אויף גיפירט אונ האב קיין גנבות קיין מאהל גיקופט, אונ ב״ה איך האב מיין ברוט פר דינט, איך האב מיר אויך שיינע הויז ראט איין גיקויפט, מיין ווייב האט אויך עטליכע קינדר גיהאט, אבער זיי זיינן בעו״הר אלע צו שטארבן, נאר איין טאכטר איז מיר גיבליבן, אין עטליכע יאהר ארום אבער האט זיך איין שלעכטר מענטש לעבן מיר גזעצט אונ האט מיר מיין גאנצע פרנסה אונטר גישלאגן ביז איך בין גאנץ פר ארעמט גיווארן אונ עש איז מיר שוין קיין סחורה אין קראם גיבליבן, אונ וויא עס אונז זייער שלעכט גיווארן האבן מיר זיך שוין ניט גיהאט מיט וואש מחיה צו זיין, האבן מיר זיך מיישב גיוועזן, דש מיר זאלן איין אנדר פרנסה אן נעמן, קיין גרייטע געלד האבן מיר שוין ניט גיהאט, די קליינה נחלה האב איך ניט גיוואלט פר קויפן אונ האב זיא ליבר פר דונגען, איז ביי אונז גיבליבן צו נעמן משכנות אונ פר זעצן, אונ אן צו נעמן וועלכן שיינקל, דען צו איין קראם מוז מען פיל געלט האבן, איך האב גינומן מיין ווייבש פערילדיגן האלז באנד, מיין קעמלהאָ־רענע דעליע, איר שטאפענע קלייד מיט איין בריטן גאלאן, לאמענעם קאפטור מיט פיקס, פון מיין זופיצע און פון איר וויסט די זילבערנע האקען, (דען עס איז היינט קיין מאדע ניט) אונ האב אויף אלץ גליען 50 רובל זילבער

(1) עס מוז זיין א הויף דורך וועלכען מען געהט דורך פון איין גאס צו דער צווייטער. יצחק ריבקינד שרייבט מיר אָבער דאָס אין ווילנא און אין וואָלין רופט מען אזוי א הויף וואו מען פארקויפט אלטווארג.

בײ ר׳ שמעלקי (1) ר׳ הענדילש, ער איז אפילו זײער אײן שײנער אידל, קײן פּראָסטאק2) אפילו אײן ידען, א יחסן ער גײט אין אײן קיטײענעם גארטיל, ער עסט ניט קײן קנײדלך אום פּסח ער עסט ניט קײן פלײש אונ מילך אין 1 מעת לעת3), אויך עסט ער ניט קײן זאדיג פלײש, אײן הושענא מאכט ער פון 17 ריטלך (כמנין ט״ו), אין דרײ וואכן עסט ער ניט קײן (דבר מן החי) ער רעט ניט מיט קײן פרעמדע אשה, ער איז גאנץ פרום, אבער צו נעמן גרוי־ שע רווחים איז ער דער ערגסטר אין דער וועלט, ער נעמט אויך אײן קאפּע־ קע פון רובל אײן וואך4), נאָר ווײל

(1) בײ מענדעלי מו״ס ב. 2, ז. 88 „שמעל־ קעס... שענע, רײנע, מורינו׳ס״. וועגען נאָמען שמעלקע אין די אידישע רעדענ־ סאָרטען זעה מײן ארטיקעל איבער אידישע אידיאָטיזמען אין זאמעלבוך „בײ אונז אידען״, (ווארשא 1923) ז. 198.

(2) א פּראָסטער מענש. עס איז אבער פאר מיר רעטזעלהאפט, וואס ספּעקטאָר „אידישע וועלט״ ז. 68 שרײבט: בעל־בית׳לער, אָדער ווי דער רעמעסלענע קלאס רופט זײ אָן „פּראָסטאקים״. זעה „דער ליט־ וואק״ פון א. מ. דיק. ז. 14: „אלס קינד וואר ער אײן עילוי און א גרוי־ סער מיוחס, דער נאָך... האָט ער אָנ־ געהויבען קנעלען ביז ער איז געוואָרען א רעכטער פּראָסטאק״. ווי עס שײנט הײסט פּראָסטאק נישט בלויז „אן אומ־ וויסענדער אדער ניעוויעז״ (דאָרט, ז. 5) אָבער אויך אײנער וואָס געהער צום פּשוט׳ן, נישט גבירישען שטאַנד.

(3) שמ״ר, א שפּיצעל פון א שדכן, ווילנא, תר״ן, ז. 4: א פרומער, זעהר א פרו־ מער יוד פלײשיגס מיט מילכיגס אין אײן טאָג האָט ער קײן מאָל געגעסען.

(4) מען פלעגט דאן צאָהלען „צינזען״ פון וואָך. „פּערצענט״ האָט דעריבער אויך געהײסען — וואָכען־געלד. (זעה „סער־ קעלע״ אָדער „די פאלשע יאָהרצײט״, ווארשע, 1875, ז. 12: „ער איז מיר שולדיג אויף וואכין־געלד״) אָדער „וואכערס״ (זעה שמ״ר „דער אוצר״, ווילנא, תרמ״ה, ז. 77: וועלוועל לויפט ארום מבית לבית, אָבער שוין נישט נאָך „די וואָכערס״), „פּראָצענטניק״ (י.

איך האב פון איהם גיליען אײן סך מיט אײן מאהל האט ער מיר גירעכינט צו 3 גילדן בכל שבוע אונ אויך אויף אלע שבת צו טאפּ קוואס און 1 קוואַ־ טירל יי״ש, דער צו האָב איך גגעבן אײן שט׳ח מיט זקוקים1), מען זאל מעגן רווחים צאללען, אונ מײן וועקסל אויך אויף דעם זעלביגן סך, מיט אײן שטר מכירה, אנדערש האט דער מלוה ניט גוואלט לײען, איך האב דעם שײנקל אן גינומן אין דער אידישר גאס איך האב אויך דער בײ גיהאלטן אײן קלײ־ נעם גאר קוך פון לונג אונ לעבר אונ קנײדלעך פון קלײנע פּיש, פר גרײטע האב איך זײער װײניג געלײזט, איך האב קײן ברירה גיהאט אונ האב גמוזט אויך אוף בארגעם אן הױבן צו געבן אלע יונגן, צום אוועק געבן איז איט־ ליכן שווער גוועזן, אונ ווען מען האט וואו אפּ גינומען דעם גילדן האט מען גמוזט פר צערן, אין אײן פערטיל יאהר ארום, דער מלוה קומט צו מיר, אונ זאגט עש קומט איהם שוין מיט רווחים באלד 56 רובל, ער זאגט ענטפר איך זאל די רווחים בצאלן, אדער ווען ניט וועט ער שאצן דיא משכנות, איך האב מיך מיישב גוועזן עש איז מיר אײנג אין דיא הענט2), אונ זאָג צום מלוה שרײט ניט, מיר וועלן צו רעכענן די רווחים,

(1) דאָס וואָרט „זקוקים״ אָנשטאָט „היתר־ עסקא״ האָב איך אין ערגיץ נישט געפו־ נען, און עס איז זעהר מערקווירדיג.

(2) שמ״ר, פון גיהינם אין גן עדן, ווילנא, 1914, ז. 17: איך וועל אײך אָבגעבען, איהר מוזט מיר אבער ווארטען, מיר איז יעצט זײער ענג אין האנד.

בודזאָהן, אפריקאנער חתן, ז. 16) הײסט נישט אויף אידיש וואוכערער, ווי אויף דײטש, נאָר וואָכערניק, (שמ״ר, דאָרט, ז. 6: „אין פארלויף פון דרײצעהן יאָהר איז וועלוועל דער וואָכערניק גע־ וואָרען גאר דער גרויסער וואָכערניק״) אויך א „וואָכענגעבער״ און זײן וועקסיל הײסט א „וואָכענצעטעל״ (זעה ספּעקטאָר, אידישע וועלט, ז. ז. 68 און 77).

און איך וועל נאך ביי אייך צו לייען עטליכע רענדלך, און וועל אייך צו לייגן משכנות, (דר ביי בין איך אייך מכבד מיט איין קווארט ביר, ער מאכט די ברכה זייער הויך אונ טרינקט גאר אויש ווייל ער האט אן בייסן איין הערינג גיגעסן), דעם מלוה איז עס גיפעלן, איך האב אים גיגעבן ווידר 2 צינענע שיסלן, 1 פאלימיסאק איין גרוסן אונ צוויי קליינע, 3 פאנען אונ 2 קעסלעך, 4 מעשענע לוסטרעס, אונ איין מעשענעם הענג לייכטר פון 60 פונט, אונ ער האט מיר קוים צו די 6 רובל פראצענט, נאך 14 רובל דר לייגט, עכ״פ קומט אים שוין 70 רובל, איך גיב אים איין נאייעם שט״ח מיט זקוקים, איך טראכט מיר וואש קען דא ערגער זיין, איך וועל פר קויפן מיין קליין נחלה, וועל איך דעם מלוה בצאלן, און עס וועט מיר נאך עטליכע צעהענדליג רובל בלייבן, איך האב אן גהובן צו זוכן איין סוחר אוף דר נחלה עס איז מיר גוועזן שווער ביי דער צייט צו בקומן, דר ווייל איז ווידר איין האלב יאר אוועק גלאפן, מיין מלוה קומט שון מיט לארם, און זאגט, ער וועט גאר ניט שאַצען איין מאל האט ער איין שטר מכירה און עס איז שוין ווידר 15 רובל זילבער רווחים אן גיוואקסן, אין קורצן ער דר לייגט מיר נאך 5 רובל, און איך האב אים אוך איין שעבוד אוף דר נחלה גגעבן, עס ווערט אלש גרעכינט אין איינעם די נאייע רווחים אונ די אלטע, איך גיב אים פון דש נאייע איין אנדר וועקסל אוף דעם גאנצן סך, וועלכע עס האט אום גטראגן ביז 100 רובל, איך בערעכן אין קורצן מיין שיינק איך האַב קיין געלט אונ קיין סחורה, און שון ניט מער מיט וואש צו לעבן, מיין מלוה האט זיך גנומען צייט מיט

דעם וועקסל מיר צו פר פאזוועןן1) איך האב ניט גהאט מיט וואש צו לאדן זיך, ער האט ביי מיר מיט איין קורצע צייט די נחלה אוך אוועק גנומען, און מיט הוצאות המשפט בין איך נאך אים איבר דר נחלה ביז 30 רובל שולדיג גבליבן, האָט ער נאָך גוואלט מיך תפוס זעצן 2) האט גראד מין ווייב גדארפט גלעגן ווערן, און דש קינד איז אוועק, האט זי זיך פר דעם איבריגן חוב גמוזט ביי אים פר איין זייגערקע אויף 2 יאר שטעלן, אמת נאך די צוויי יאר האט ער איר צו גזאגט נאך 10 טאלר געלד און איין קארטונענע קלייד אונ 3 שלייער, איך האב זיך גמוזט אוף צוויי יאהר שטעלן פר איין ווייגער, דען מיין אלטע פרנסה פון משאות טראגן בין איך שון צו אלט, מיט מייני שוכן קליידן נעם איך 15 רובל זילבר, איך האָב מיין טאָכטר יענטע פון 12 יאר גמוזט שטעלן דינען, איך האב זי אבר גדארפט בקליידן, האב איך גמוזט דעם קיטל פר קויפן, פר זוי איין בע״הב האט מיך גמאכט מיין מלוה, זיינע קינדר זאלן אין מיין שטאַנד קומן, איך בעט דיך מיין הארציקר ברודר פר געס אן מיר ניט און פר העלף מיר מיט עטליכע רענדלך, אין דעם זיי גזונד, גאט זאל דיר היטן פון זעלכי מלווים און זעלכי הלוואות,

(1) ער נוצט דאָס פּוילישע וואָרט, ווייל עס באַצייכענט פּאַרקלאָגען פאַר׳ן גויאַי־שען גערייכט. ביי יצחק בער לעווינזאָן, הפקר וועלט, ווארשא, תרס״ד, ז. 36: „שיסט באלד מיט פּאָזיוווים און פּראָז־בים.

(2) וועגען איינזעצען א בעל־חוב אין תפיסה לויט דעם אידישען דין. זעה מיין ארטיקעל: „הלואות, ערבות ומשכנות אצל העברים הקדמנים״, התורן, ניסן, תרפ״ג, און ש. אסף.ס „העונשין אחרי חתימת התלמוד״, ירושלים, תרפ״ב. ז.ז. 30־29 און אין דעם לוח המפתחות, „חבישה במאסר״.

דיין טרייער ברודער אברהם גימפל בר׳ שלום חנוך,

מיר ווע‍לען דאָ געבען נאָך עטליכע בריף ווי מיר האָבען דאָס לעבען פון אונ־זערע שדכנים, וועמענס פּראָפעסיע איז געוועזען אַן אומאויסשעפּבארער קוואַל פאַר אונזערע הומאריסטען און אין וועל־כע מיר זעהען אין אונזער מחבר א ״שנזיק״ „שלום עליכם״. מיר ווערען דערביי אויך געוואר וועגען דער „הספקה״ פון קלויז־ניקעס און זייערע פּרנסה־קוואלען.

יום ו׳ חשוון תקפ״ה

לכבוד הה׳ הרבני הנגיד המפורסם
החכם מהו׳ יהונתן שמריהו נ״י,

איך האב איך שוין מיין ליבער ר׳ יהונתן כמה שדוכים פאר געשטעלט אונ איר קענט זיך קיין שדוך נִיט צו קליובן, ערשט בין איך גיקומען פון ווָעג האט זיך מיר געטראפן אריין צו פארן אין איין גיווישע קרעצמע, וואו איך האב געפונן איין אלמנה וואש פר עטליכע וואכין איז ערסט ביי איר דער מאן גשטארבן, אמת זי האט זיבן קינדר, זי האט אבר שוינה גוטש, צין אונ קופער ווי האָלץ (1) לעפיל ציגענע האב איך גזעהן אליין איין סך, היינט בעכערלעך אונ אנדערע כלים, זי איז אמת וואש שולדיג אין הויף אבר זי האט דערוף פיר פינף עמער בראנפין, עטליכע לויף 2) האבר, תבואות אנדערע

(1) מען זאָגט: „כאפּט פּעטש ווי האָלץ״, „ליגען איז געפלויגען ווי האָלץ״ א. ז. וו., זעה מיין „וואונדער אוצר״ אי־דישע מאכלים, ז. 56.

(2) אין חדר פלעגט מען דאכט זיך טייטשען „לתך שעורים״ (הושע, ג׳ב) א לויף גערשט. דאָס וואָרט שטאַמט פון דעם שוועדישען, אין רוסיש איז עס לאָף אין דייטש לאָאָף, אין ליפלאנד איז עס א מאָס פאר תבואָה, א דריטעל פון רוסי־שען טשעטווערט, זעה דאל׳ס גרויס־רו־סיש ווערטערבוך. פון אלכסנדר האקא־ווי׳ס א בריעף האָב איך צום ערשטען

איין פּאָר טון1), עטליכע וועגן הייא, איין קוא, צוויי קעלבר, איין פּאר ציגן, דש איז אלץ אייגנע, היינט אין שיינק זיצט זי אופן צענטען גראָשן (?) קליידר בגדי נגידים, קארמעזינענע אר־בעלעך מיט גאליינדלעך בליגט, איין רויטן אדעמאַשקענעם וויסט מיט ברייטע גאליינען מיט האקען זילבערנע, איין גרינע שטאפענע קלייד מיט שטראצקעס, ווייס גרעט זאגט זי אליין אז זי האט ווייניג, חוץ שארשטעכר דרוצקענע און דרילכענע פארטיכער לחול ושבת, קארטונענע איין פאר פאר טיכער מיט גרושע קווייטן ליו״ט חוץ שלייער, בעטגיוואנט, זי מוז גוויש האבן בעהאלטענע פופציג זעכ־ציג גילדן בשתיקה די קינדר, איך האב איר גפרעגט וועגן געלד האט זי גשמייכילט זי האט צו מיר איין וואונק גטאן די קינדר זאלן נִיט הערן, און ווייטר איז זי נאָך איין יוגענד, ועט אלט זיין איין יאר פופציג, און אפשר נאך וואש ווייניגר, אמת זי הינקט עט וואש צו אבר איין גרושע בריה, רעט רייסעס און ליטוועס אז דו דארף לייט וואונדערן זיך, איך האב איר אוף צו פליים גפרעגט ווי פירט זי דעם שיינק, האט זי מיר גוויזן און קעלער איין פאס שטייט מיט אונטר ביר און די אנדרע מיט וואסר, ביי די הויפעשע בראנפין דעם גלייכען, איין זבאן2) מיט בראנפן און די אנדערע מיט

(1) אמ״ד, די איידעלע ראכע, תרל״ה, ז.11: א טון קאָרין, א טון האָבער, א טון ווייץ.

(2) פּויליש — דזבאן, א קרוג,

געלערנט אז „לויף״ מוז זיין דאָס זעלבע וואָס לאָף. ווי עס שיינט איז דאָס וואָרט ביז יעצט נישט פארציי־כענט געוועזען אין קיין שום אידישען ווערטערבוך, עס איז אָבער געוועזען וויִיט פארשפּרייט, אפילו ביי א ירושלים־געבוירענעם מלמד האָב איך עס געהערט.

וואסר, און מאכט מלאכות איך זאג אייך איין חכמה פון דר וועלט, קוילעצן באקט זי אליין, קומט זונטיג לייזט זי שיינה געלד, קומן אן ביי נאכט די דארף לייט, מיט איין פידל, זי נעמט זיי זוי ארענטליך צו טרינקט און טאַנצט מיט זיי אין איינעם, און לעבט זיך זייער גליקליך איך האב איר אייך פר געשטעלט און האב ניט גזאגט אז איר האט אוך פיר פינף קינדר איז איר זייער גפעלן עס איז איין לאנד שדוך1) פר אייך, קומט צו פארן וועלן מיר למז"ט הין פארן און חופה שטעלן. איך ווייש אז איר וועט מיר דאנקען, נאר זאמט ניט דען עש וועט זי איין אנדערר אוועק חאפין אייער פריינד יהושע שבתי שדכן.

ע נ ט פ ע ר

יום ג' כסליו תקפ"ה

להה' הרבני המפורסם כבוד מהו'

יהושע שבתי נ"י,

מיין פריינד ווען איך וואלט אייך ניט קענן, וואלט איר האבן ביי מיר דברים רעים, ווי קאָנט איר מיר ריידן זוי איין שדוך, איינם מיט זוי איין ליבע יוגענד2) איין קאליקע מיט זיבן קינדר, קען טרינקן און טאַנצן מיט דארף לייט, די ליבע בגדי נגידים, די גרושע חכמה, אונ אז איך בין מיר יוא אקלויזנער פון דעסט וועגן לעב איך

(1) זעה ח. ד. גילדענבלאטט ווילנא, ז. 4: „מען האָט איהם גערעדט לאנד־שדוכים" און ז. 13: „די עלטערען ווילען מיט איהם טהאָן א לאנד שדוך".

פארהאן אויך „א לאנד־שדכן" (זעה מענדעלי מוכר ספרים, ב. 15, ז. 69) אויך איין „גליל שדכן", (י. בודזאָהן, כדאיע זאך כ'לעבען, ווילנא, תרע"ג, ז. 20).

(2) וויטער שרייבט ער „יוגינט", מעג־ליך אז דאָס איז דאָס ערשטע מאָל ווי דאָס וואָרט ווערט באנוצט צו באַצייכע־נען א יונג־פרויא. זעה נ. פרילוצקי'ס אידישע דיאלעקטולוגישע פאָרשונגען, ווארשא, 1917, ז. 238.

מיר מיט מיינע קינדר ארענטליך, איך בין ב"ה איין למדן, איך האָב מיר 2 תלמידים וואש איך לערן מיט זוי חומש מיט חבור1) נעם איך 30 גראשן איין וואך, איין האלבן גילדן האב איך הספקה אין קלויז, אלע אין דר פרי האָב איך מיר מיינע גריץ מיט פוטער, שבת בין איך איין בעל קריאה נעם איך אלע וואך אכט גראשן אפט טרעפט זיך ביי איין אבל ר"ל צו גיין צום מנין אַגאנץ שבעה נעם איך אויך צוואנציג גראָשן אויף מיין חלק, אָפט טרעפט זיך אין קלוז פר איין קראנקן ר"ל מתפלל צו זיין פר דין איך אוך פיל ווייניג, שבת עס איך ביי דעם גבאי פון קלוז מיט'ן גרעסטן כבוד, מען גיט מיר נאָך חלה אויף נאָך שבת אויף איין פאר איבערביסנס מייני קינדר גיט מען פלעטן און מען האלט זיי גאר ניט אוף, פון סליחות ביז יו"כ זיץ איך אויפין בית עלמין מיט איין פושקע,

(1) חומש מיט חבור — ה' י. זיפער, מאָנט־רעאל, דערקלערט מיר דאָס קינדער אָנ־פאנגענדיג צו לערנען חומש, האָבען צום ערשטען געלערענט נאָר טייטש־ווערטער, שפעטער־צו האָט מען שוין מיט זיי אי־בערגע'חזר'ט דעם טייטש פון גאנצע פראזען, און דאָס האָט געהייסען חיבור. ער גיט איבער א ליצנות וואָס מען פלעגט נאָכקרומען א רבי'ן פאר־טייטשענדיג מיט די קינדער — למה זה אנכי, (בראשית כ"ה, 22), למה — וואס, זה — דאָס, אנכי — איך. זאָגט קינדערלאך, אלע צוזאמען, חיבור: אם כן, אויב דער צער פון טראָגען איז יאָ אזוי גרויס, וואָס, דאָס, איך!

זעה מנדלי מוכר ספרים, דאָס קליי־נע מענשעלע (ווארשא תרע"ג) ז. 14: „ביי אַכט יאָהר האָב איך שוין געלע־רענט חומש מיט חבור, מיט אלע אויס־רעדענישען פון רש"י". זעה אויך דאָס פוילישע אינגעל פון לינעצקי (אדעססא תרמ"ה), ז. 20.

בײ אײן נגיד אוף אײן וואָך נאַכט1) האָב איך אײן גוטע װעצערע און קריג נאך עטליכע גראשן, און נאך פיל הכנסות, וואש דארף איך די הינקדיגע אלמנה פון פופציג יאָר מיט זיבן קינ־דר און מי יודע ווי פיל איר פר ליוי־קענט נאך פון מיר, נאך מײנע מעלות אונ הכנסות דארפט איר מיר רײדן אײן שדוך אײן יוגינט פון 16 יאהר מיט פיל געלט און אײן שײנע פארשון וואש צו זוכין און צו הערן אין לאנד איז, אזוענע זאכן מאגט איר מיר שרײ־בן, און װײטר לעהב גזונד, פון אײער יהונתן שמריהו נ״י.

עס איז כדאי אָנצעווײזען דאָס א. מ. דיק (מאָטקע און הערשקע, ווילנא, תרל״ג, ז. 7) שרײבט וועגען א יאלעוועז בעל דרשה׳ר וואס זאגט: ווי קומט אזוי א איד ווי איך צו שרײבען אונ צו רעכענען, איך בין געווען ביז אהער נאָר א הוילער באנק-קוועצער, אלזאָ ווי קאָנט איהר עס פון מיר פארלאנגען. איך האָב מיך אויס־געהאָדעוועט נאָר אויף קאזאָנע גריץ, אויף פלעטין אין באלעבאטישע הײזער און אויף וואָכנאכטען.

וועגען דעם ווארט „חיבור״ וויל איך צוגעבען דאָס ה. יצחק ריבקינד שרײבט מיר:

(1) מטה משה לכ׳ משה מפרעמיסלא, עניני מילה, פרק ד׳: נוהגין להקיץ ולשמור הנער בליל שמיני. מעהר וועגען דער „וואכנאַכט׳, אָדער „וואכטנאַכט״, זעה אמ״ד, אלטע אידישע זאָגען, ווילנא, תרל״ו, קאַפּ. 4.

„בתקנות החברה „מגדלי יתומים״ (נתיסד ק״ק פיורדא שנת תקכג) נדפסו שם בשנת תקכ״ו בסימן ל״ה כתוב:

„וכל ערב שבת הסדרא מאותו שבוע עמהם צו לערנין ע ם ה ח ב ו ר ועם הגדולים פרש״י על הסדרא וכל אחד לפי השגתו צו לערנין״.

ובתקנות אותה החברה נדפסו שם בשנת ת ק ע ח סימן ל״ד כתוב וסדר אותו שבוע(ה) עם החיבור וגם פי׳ רש״י אינ־וענדיג לכל אחד ואחד כפי השגתו״ גם באידיש ההולאנדי משתמשים במלת „חיבור״ למשמעות זו; ראה:

Het Yoodsch in Nederland, Voorsanger, Amsterdam 1315, 140.

זעה אויך אלכסדר הארקאווים יידישער ענגליש-העברעאישער ווערטערבוך, ניו יאָרק, תרפ״ה, אָנמערקונג צום וואָרט „חיבור״, וועלכעס איז שוין געוועזען באַ־קאנט אין 17־טען יאָהרהונדערט. הארקאווי האָט אָבער ציטירענדיג די מנהגים דק״ק ווירמײזא, נישט געברענגט דעם ערשטען האלבען זאץ, וואס באשטעטיגט ה׳ זיפער׳ס אויסטײטש: „והמלמד לומד הסדרא ואומר להם החבור וסדרא רש״י וכו׳״. ה׳ יודא יפאָ, ניו־יאָרק, ווײזט אָן אויף דער הקדמה צו „טײטש עשרים וארבע״, פון חיים בר׳ נתן, (1־טע דרוק האנא 1628-1630?) אלס דאָס ערשטע אָרט וואו דאָס וואָרט „חיבור״ ווערט באנוצט; דאָרט שטעהט: „דרום האָב איך דיזע ספרים קורץ ור טײטש מיט אלע מפרשים אונ׳ מדרשים. אונ׳ האָב זי ניט וועלען ווארט ור ווארט ור טײטשן, נײ־ארט נוך דעם חיבור נוך, אלש ווען אײנר שמועה נוך אנדר זאָגט״.

ARTES

SIC ALIAS

ILLVSTRO



אן אמאָליגע דרוקעריי

רעפראָדוצירט פון

אברבנאל

(ענדע ספר דברים)

געדרוקט אין הענוויע, שנת ת״ע, לפ״ק

מיט הונדערט יאַהר צוריק

צווייטער ארטיקעל *)

פון די בריעף וואס מיר האָבען איבערגעדרוקט אין דעם ערשטען ארטיקעל, האָבען מיר פיעל געקאָנט לערנען איבער פארשידענע געביטען פון דעם אינערליכען לעבען פון די אידישע מאַסען, מיר זענען אויך געוואויער געוואָרען מנהגים וואס זיינען אונז נישט באקאָנט פון ערגיין אנדערש, ווי א שטייגער דער מנהג אויסצושמירען נאָך יום־כפור די פיער ווינקעלאך פון הויז מיט האָניג, מיר האָבען געהאט אן איינבליק אין דעם אינערליכען לעבען פון דער פאמיליע, אבער דער מאַטעריאל פון דעם הונדערט־יאָהריגען בריוועןשטעלער איז נאָך ווייט נישט אויסגעשעפט, מיר ווילען אָבער אויפמערקזאם מאַכען, דאָס פון יעדע קלייניגקייט איז צו לערנען , צום ביישפיעל, ווען די פרוי אדרעסירט דעם בריף: ,,לאהוביי בניי חורגיי'' איז עם ניט קיין גרייז, ווייל אזוי האָט מען געשריבען אפילו אין העבּרעאישע ספרים אין מיטעל־אלטער, ווי א שטייגער אין ,,ספר חסידים''. צוליעב קלאָרקייט האָט מען זיך ערלויבט צו שרייבען העברעאישע ווערטער אפילו מיט ,,גרייזען'' און דעריבער האָט מען געשריבען דעם לשון רבים מיט צוויי יו'ד'ען הגם על פי דקדוק קומט נאָר איין יו''ד.

ווען א בריעף איז אדרעס־רט צו ,,האשה החכמניות'', גלויב איך נישט אז עס איז א גרייז, אונזער מחבר ווייזט נישט אויס

*) ערשינען אין ,,קענעדער אדלער'' אין די נומערען פון חול־המועד סוכות, תרפ''ח. יעצט איבערגעזעהען און אָנמערקונגען צוגעגעבען.

צו האָבען געוועזען אן עם הארץ, די מעשה ווייזט אוים צו זיין אזוי:

מען האָט אויף אידיש אויסגעמיטען ווי עס שיינט זיך צו באנוצען מיט'ן ווארט חכמה, ווייל חכמה מיינט אויף העברעאיש אויך א הייבאם (באָבע), האָט מען דעריבער א קלוגע פרוי גערופען חכמת 1) אָדער חכמניות, וואס איז א אידישער אידיאם ווי צדקניות (זעה ,,א קלאפּ אין הויקער'', ע. בלאשטיין, ווילנא, תרנ''ו, ז. 5: האָט אַזאַ צדקניות פאר א ווייב. אויך ז. 20. און אין שבחי בעל שם טוב: בתו הצדקניות מ' אדל.) די מעהרצאָהל איז — צדקניותען. (שמ''ר, גאָלד פאר שטייגער, ווילנא, תרנ''ו, ז. 3) אויך דאָס ווארט פרעניות ווערט באנוצט אין אידיש אין לשון יחיד.

צו באצייכענען א פרוי אלס חכמניות און צדקניות, גלויב איך שטאמט דייקא פון לומדישען קלאס, וואס האָט עס גענומען פון דער גמרא בבא בתרא, קי''ט: וואו די בנות צלפחד ווערען אזוי אָנגערופען.

א חכמניות, הייסט — זי געהערט צום קלאס פון חכמניות, צדקניות איז זעלבסט פארשטענדליך מעהר פאָפּולער, איבער די נשים צדקניות וואס אין זייער זכות זיינען אונזערע עלטערען אויסגעלעזט געוואָרען פון מצרים.

מיר האָבען אין אונזערע בריף זעהר פיעל מאַטעריאל וועגען אידישע מלבושים הן פון מענער און הן פון פרויען, איך וועל

(1) זעה נ. פרילוצקי'ס דיאלעקטאָלאָגישע **פאָרשונגען, ז. 120, אָנ. 2).**

דערצו קיינע אנמערקונגען נישט געבען, הגם זיי וואלטען זעהר צוניץ געקומען, איך האף צו האבען א באזונדערע ארבייט וועגען אידישע מלבושים אין דער דאזיגער תקופה.

אונזער מחבר האט אויך געהאט דעם ווילען פון אלע משכילים אין יענער צייט צו פארשפרייטען נאטור־וויסענשאפט צווישען פאלק, אום זיי זאלען וויסען ווי גרויס עס איז גאט'ס וועלט און ניט מיינען דאס מיט זייער שטעדטעל ענדיגט זיך אלץ. און דעריבער אויסער דעם וואס ער גיט צום סוף די כללים פון תורת החשבון (עטליכע בלעטלעך זיינען דארטען פארדרייט און „חיסור'' פעהלט אין גאנצען) גיט ער אויך איינינע בריעף פון איינעם וואס האט כלומר'שט פינף יאהר ארומגערייזט איבער ווייטע לענדער, און אום אויפצוקלערען זיין ברודער, באשרייבט ער ווי מען... כאפט וואלפישען.

דער ברודער וויל אבער באווייזען דאס ער איז אויך נישט קיין בטלן, שרייבט ער איהם צוריק דאס הגם זיינע טעכטער האבען פיעל פארגעניגען געהאט פון דער מעשה מיט די וואלפיש, אבער די פאריגע וואך איז געקומען „איין אויסלענדישער טייטש'' מיט גאלאנטעריע סחורות אין אלער האנד ים־געוויקס האט ער אונז דערצעהלט ווי אזוי מען כאפט פעריל פון ים ארויס, און ער גיט א גאנצע באשרייבונג דעריבער, קומט ווידער דער באריזטער ברודער און באשרייבט ווי קאווע וואקסט אין אראביע, און טהעע אין כינא און יאפאן.

דער געטראנק פון קאווע, זאגט ער, איז „זעהר געזונד און ווען מען נאך דעם עסען טרינקט, העלפט עס פיעל צום פארדייאונג''. טהעע ווידער, זאגט מען צושלאגט די שלעכטע דינסטען, אבער לויפט רייכען אין קאפ, ער שטארקט דעם זכרון, און מאכט פריש דעם מענשען''.

עס איז אויך דא א בריעף פון איינעם

וואס איז אוועק נאך פאריז שטודירען און זייענדיג איבער גליקליך מיט דעם גרויסען וויסען וואס ער האט דארטען דערווארבען, וויל ער כאטש א קאפ דערפון איבערגעבען זיין אינגערען ברודער, שרייבט ער איהם וועגען ים־קאמפאס, ווער עס האט ענטדעקט אמעריקא, שיספולווער, בוך־דרוקעריי, שפאקטיווען, לופט־באלאן, ווי גרויס עס איז די ערד, וועגען די הויפט שטעט פון דער וועלט, און דאס אלץ אין איין בריעף, וואס מען ברויך ווי עס שיינט זיך אויסלערנען פון אויסווייניק, א צווייטער בריעף איז איבער אנאטאמיע פון א מענשליכען קערפער אין פארגלייך מיט אן אקס.

עס איז אונז אינטערעסאנט צו לערנען פון פארשידענע בריעף די אויסערגעוועהנליך שטארקע שטרעבונג צו זיין א מענש, צו זיין א לייט, צו מאכען קינדער פאר מענשען, פאר לייט, (דאס ווארט ל י י ט ווערט אין דער רעדענסארט געברויכט אין לשון יחיד), די דאזיגע שטרעבונג איז נוגע אלעמען, דעם ארענדארס קינדער, די בית־דין שמש'טע, דעם גביר'ס טאכטער א. ז. וו.

אין סוחר'ישע בריעף האבען מיר מאסען רוסישע און פוילישע ווערטער, ווי „פערעוואזקא'', „אדסטופקע'', „זאלאג'' און א פראזע — „מיט'ן געלד מוז איך ווארטען ביז „פיערשעגא'' (פויליש — דער ערשטער טאג אין חודש), א. ז. וו.

אידען האנדלען מיט כל המיני סחורות: גאלאנטעריע, בהמות, שניט־ווארע, גלאז, אייזען, פעל, האלץ, טאבאק, קאווע, בשמים, פלאקס, זומען, א. אז. וו. מען שיקט עס איבער פון ארט צו ארט און פון לאנד צו לאנד, מען האנדעלט אין מאסקווא, אין דייטשלאנד, און מען שליסט אויך קאנטראקטען מיט דער רעגירונג.

מיר וועלען דא געבען צוויי בריעף

ווי איינער שלאָגט אָן דעם צווייטען צו מאַכען שותפות:

ב׳ מנחם אב תקפ׳ גימל טעלז

לאהובי הרבני המופלא וכו׳ מהו׳
צבי הירש כ״ץ

אייער פארלייגען דען האנדל איז מיר זייער גיפעלין, עש איז קיין נאַרעשקייט ניט, מען קען וואהל האנדלן אן צער און מען קען וואהל דעם פראַצענט פון געלט פר דינען, ווארום דער אמת פון וואנין וואקסט דר אראפ פאל, ניט פון די רייכע אָנציהונגש1) די אויָדילקייט דארף זיין ביי דעם מענשן, אונ ניט זויא זייער ביי דער קלייד, איז דען ניט גינוג שיין אונזר אייגינע רוסישע סחורה, איז דען פר האנדין אין אנדערע סחורות וועלכער אונטערשייד פון די בעשטע אויסלענדישע, מיין פריינד איך וואָלט שווערן דש ביי אנדערע אויסלענדישע סוחרים אפילו גיפעלט בעסר אונזרי סחורות ווי זייערי, ווייל זייערי סחורות צו שטארק גימאַנגילט וועדט, עס קען איין ווייניג שענער אוים זעהן, אבר ווי פיל דויערט דער גאנצר טראגן פון אים2) אין ווי פיל זיינען פר האַנדן פר לעגנע פון כמה וכמה יאָהר, ווי פיל האבן סוחרים דעריבר פר לארן ווי פיל זיינן גיבליבן אנזעצר, וואו זיינן שון די בעלי בתים וועלכע האבן זעלכע סחורה גיהאנדילט, דער כלל איז מיין פריינד, דש איז מיר זייער גיפעלן, איך האָב שוין בשטעלט משולחים וועלכי זיינן זייער גיניט אין האנדל, זוי ווייסן אלי ארטיקלן, זוי ווייסן ווי צו האַנדלן, דש דער פראָצענט זאל וויינִיגשטן ארוש קומן, עס איז באלד כדאי, אז איר וועט אי״ה קומן וועלן מיר זיך צו הויף לייגן צו אכט נייען טוזינד

(1) ער מוז מיינען — אויב נישט פון די רייכע מלבושים.

(2) אויך יצחק יואל לינעצקי, פּאָלקס לידער, ווארשא, תרס״ב, ז. 13: מיט לוויוועטינע הויזען גאָר פאר ווייניג געלט, האָט אמאָהל א יוד פארבראכט די גאַנצע וועלט, הוינט בעציהט מען הויזען פון אויסלענדער פאבריקען און זיי ווערען צעריסען טאקי אין אויגען בליק.

רובל סיג1) און קערן דעם האנדל שארף אן נעמן, ווייל דר אמת פון פרטיגן צו זיצן איז קיין תכלית ניט, אונ באמת ווער עס האָט גאר קיין געלט ניט איז איהם באלד בעסר ווייל זיין האָפענונג איז גרעשר, און איז אפשר מער פר זוש״ית יוצא, די געלט פר דריט אונז מער ניט, א ; גאָט זאָל היטען יש זאָר אזו אפאָר יאר געווערען און מיר וועלן קיין שום האנדל ניט פר לייגן נאר עסן פון פארטיגן וועט נאך חלילה איין סך ערגער זיין פון קצינים ארעמע לייט צו ווערן, מיר זיינן נאך גאר ניט זויא רייך וד״ל הלואי זאל איך דש פר דינען אין צוויי יאהר וואש איך האב דעם יאהר צו גיזעצט פון אייגינש, נאר וואש מאכט דש אויש קומט צו פארן און מיר וועלן מיט פיל גליק אונזר שותפות פר לייגן, טאמער וועט אונז דרינן געבן אונזר גליק, מעהר האב איך נישט צו שרייבן אייער פריינד, נתן נטע,

ע נ ט פ ר

לכבד אהובי ידידי כנפשי הרבני החכם וכו׳ נתן נטע,

איך האב אייער בריף ער האלטן, און האב שוין גוואלט מיין רייז פאר נעמן, אבער גראד איז מיין ברודר גיקומן, און זאגט ער וועט בעשר ביי מיר איין שותף זיין, בפרט ער איז דרין גניט, ער האַנדלט שון קיין מאסקווא כמא שנים, ער רעט אויך און שרייבט זייער גוט רוס2), איך

(1) אסיגנאציעס (אין היפך צו רו׳כ אָדער ר׳כ — רובל כסף). אויך א. מ. דיק, „בארוסקע דער שומר״, ז. 45, שרייבט סיגנאציעס, אָנשטאָט אסיגנאציעס אויך ר׳ י. ב. לעווינזאָהן, הפקר וועלט, ז. 37.

(2) זעה איזיק מאיר דיק, „די אידישע קליידער איבערוועקסלונג״, ווילנא, תרל״א, ז. 24: אין יענע צייטען וואר מען אזוי פרעמד מיט דער רוסישע שפראכע דאָש מען האָט ניט געקענט אויגע אדרעסע אויף א בריף אויף שרייבען און דער וואש עס האָט עס גיהאַט נויטיג פלעגט ער שיקען דעם בריף דורך זיין דינסט מיידעל אין קהל שטיבעל צו דעם רוסישען שרייבער וואש דארט איז און אלם די פרנס חדשים פלעגען דארפין גיין צו דעם וואיענעם, פלעגט מאן אן טאן א פאקטאר פון א פריצישע אכסניא

האב אים ניט גיקענט אבזאגען, און בפרט איין ברודער ביז איך האב מיר גימוזט מיט איהם שליסין, און מיר האבן שוין אונזרע משולחים ארויש גישיקט, איר דארפט אויף מיר פר אום גוט ניט נעמן, איך האָב אויך חלילה ניט אוים גיהיבט1) באר ניט מער מחמת דעם טעם וואש איך שרייב אייך, און מיין עצה איז איר זאָלט ווארטן ביז דער צוק וועט קומן וועל איך אייך גיוויש שרייבן כד"ש, און מיר וועלן זעהן, אפשר וועל איך נאך מיט אייך אויך שותפות מאַכן, דברי אוה"נ צבי הירש כ"ץ,

עם זיינען נאָך פיעל מעהר אינטערעסאנט די פאָלגענדע בריעף צווישען די מחותנים וואם די קינדער האָבען שוין אָבגענעסען די קעסט און מען מוז אָנהויבען טראכטען וועגען „א תכלית" (דאָם ספעציעל אידישע וואָרט, און ספעציעל—אידישער באגריף2), דאָם וויבעל איז אויף דער צייט", אבער דערווייל איז מען מלא שמחה, דאָם דער יונגערמאַנטשיק „לערנט מיט התמדה".

יום ט"ז סיוון תקפ"א

לאהובי מחותני הרבני המפורסם
הנגיד מהו' זלקינד קויפמאן נ"י,

איך האב מיין ליבר מחותן די התחייבות ביז איין האר אוועק גיגעבן זייערע קעסט ענדיגט זיך אויך ביום ב' הבע'ל, מען דארף דאך טראכטין וואש פר זיי וועלכע פרנסה אויף צו טאָן, זיי זייכין נאך יונגע קינדר, וואש זיי וועלן

(1) ער מוז מיינען אויסגעאיבט אן איינפלוס, משפיע געוועזען.

(2) עם ווייזט אוים אז דאָם וואָרט „צוקונפט איז נישט געוועזען באקאנט. ווען א. מ. דיק באנוצט עס, פארטייטשט ער עס אין קלאמערען: „איינע גאָלדענע צוקונפט (קומענדע צייט)" דער פלעט, תרל"ב, ז. 34, און ז. 35: „געלעבט פאר די צוקונפט (פאר די שפעטערע צייט)"

אין ראצע מארענע קליידער אונ מען האָט אים פאר גישטעלט פאר דעם וואָיענעם אלם דעם הויפט פרנם חודש אונ ער האָט מיט אים גישפראכין.

אן הויבן קענין זיי חלילה די עטליכע גילדן איבערפירען, וואש וועט דר נאך זיין פון זיי דר תכלית, וואלט ביי מיר איין פרנסה שטוב גיוועזן, וואלט איך זיי גיוויש פון זיך ניט אוועק גילאזן, אין שלישית האבן זיי ערשט מיט פראצענט ביז 1090 רובל, מען קען זיי פר די געלד איין שיינע פרנסה מאכין, נאר מען זאל השגחה געבן, און גיוויינין זיי אין האנדל אין וועלכי מען געניט איז צו ווייזן זייא דעם שטייגער, צו לערנין איין האלטן איין גראשין, בעסר אויף מזומן צו האנדלן סחורה ווערט ניט אזוי איבר גיזעצט, איין גוטין ערליכן קרעמער דש זיי זאללין חלילה צו קיין שאדן ניט קומן, שרייבט מיר אפ למע"הש אויפין ערשטן פאסט, אום דש איך זאל ווישן גרונדליך, ווי און וואש, ווען ניט וועל איך זעהן ביי מיר אין שטאט וואש נוציג איז פר זיי, נאר דער ווייל לערנט ער ב"ה מיט גרויש התמדה, אייער טאכטער איז ב"ה למז"ט אויף דער צייט1), גאָט זאָל געבן מיר זאָלן זוכה זיין איינער פון אנדערן צו הערן בשורות טובות, דברי מחותנו יהושע העשל.

ע נ ט פ ר

יום ב' תמוז תקפ"א

לאהובי מחותני החכם המופלא השנון
מהו' יהושוע העשל נ"י,

אייער בריף פון ט"ז סיוון האב איך מקבל לנכון גיוועזן, איך האב אים גילייענט מיט גרויש צו פרידענהייט, עש האט מיר גרויש הנאה גיטאן, אונזר חיים הירש לערנט מיט התמדה, איך וועל זיי אי"ה אין דעם חודש אב נעמן צו זיך, און וועל זיי מאַכין שותפות מיט מיין עלטערן זון, וועלכיר איז שוין פון ווי פיל יאהר איין קרעמער ווי איר ווישט, ער וועט אויך האבן נאהענט פון דעם סך, זיי קאנין אי"ה צו איין תכלית גדול קומן, ווייל מיין שנור איז איין גרוישע ריידערקע, טויג און ווייש ווי מיט פריצים צו האנדלן, זיא איז שוין זייער גניט אין אלץ, קיין פריץ גייט ניט אוועק ווען ער נאר צום קראם קומט, זיא האט שוין זויא פיל דבורים אין זיך, ביז יענער מוז ביי איר קויפין, עכ"פ

(1) ביי ספעקטאָר, יודישע וועלט, ז. 147: זי איז געוועזען אויף דער צייט.

עס קען קיין בעסערער תכלית אויף דער וועלט ניט זיין מיר וועלן אי״ה פון זיי פיל פרייד דער לעבן, בפרט מיט זויא איין סך, איך דאנק אייך פיל מאל וואש איר האט מיר מבשר גיוועזן למז״ט וואש עס וועט אי״ה זיין מיט מזל, זייט גזונד, אויף דער אנדרע וואך וועל איך זיין בקהלתכם, וועלן מיר אלץ רעגולער אפּ ריידן ווי עש זאל זיין, גריסט פון אונזערט וועגן פיל מאל, גאט זאל געבן מיר זאלן זיך זוכה זיין צו זעהן בחיים ושלום, דברי מחותנו זלקינד ליפמאן במהו׳ נפתלי הירץ בערן שטיין, מיין ווייב גריסט אייך און די קינדר פיל מאל לחיים ושלום זלקינד הנ״ל,

עס איז כדאי דאָ אויך ציטירען פון אַן אַנדערען בריעף וועגען דער ראָלע פון „א שנור א ריידערקע, וואס טויג און ווייס ווי מיט פריצים צו האנדלען״.

א פאָטער שרייבט צו א זוהן און באַווייזט איהם מיט אותות ומופתים ווי וויכטיג עס איז זיך צו לערנען „שרייבן און רעכענין״ און צווישען אנדערם שרייבט ער איהם:

„האבן מיר דען ניט גיזעהן דש אויך ווייבּש פערזאנן געפינן זייער גרעסטן גליק ווען זיי שרייבן און רעכנין אויך אנדרי טאלאנט קען, זיי קענין זיין פון דר קלענשטר פאמיליע 1) און ניט זויא שיין צום אָנזעהן, אבער נאר ווען זי וואש איין שרייבן בעזיצט קומן זיי עפטער אין די גרעסטי גליקליכשטע הענד, אזוי יענער ווערט ביי איר אויף אייביג אין איהרע דרייא פינגר (!) פערקויפט...״

פון א בריעף פון א דאָרפס־מלמד צו זיין ווייב, לערנען מיר דעם טרויעריגען צושטאנד פון די דאָזיגע מענשען און פון די ארענדארען בכלל, אין דעם בריעף האָבען מיר אויך א מוסטער פון דעם גאלגאן הומאָר פון אונזער מחבר.

(1) זעה אויבען [illegible] וויל זיי זיינען איין גרוישר פאמיליאנט״ און א. מ. דיק, „דער פלעט אויף שבת״, ווילנא, תרל״ב, ז. 30, איין ארעמעס מיידכען פון אזוי קליינעם שטאַנד.

יום חצי אלול תקפ״ד

לאהובתי זוגתי הה׳ הצנועה והחסודה מ׳ פרומה יענטע שתחי׳,

מיין ווייב, ווי איך דיין בריף גילייענט האָב איז מיר פאר גיקומן דש דיר מוז ניט גוט זיין, נאָר וואש זאל איך טראכטען, ווי מיר איז פאר ג י ק ו מ ע ן, איז עס גיוועזן זייער איין גוטר קנעלונג, אויף צווייא קינדר, איינר פון 16, דער אנדעדערר פון 18 יאהר, זיינן שוין אין סדר ניט זייער רויא, קומן אריין אין דאבנין, האט מען מיר בעדונגן זעקס רובל דעם זמן, דאש היישט אויך וואש איין שירות אין שטוב צו טאן, איך האב ב״ה דעם גאנצן זמן ניט שלעכט גיהאט, איך בין גיוועזן גאָרדער בע״הב, אין וואלד פלעג איך אליין פארן נאך האלץ, פלעג זיי צו ברייגגן, און אליין צו זעגן, צו האקין מיט אונזר פארעבאק1) אין דער פריא פלעג איך מיר אויף שטיין, און האָב מיר פון פלאָסקעס קין2) אן גישפּאָלטען, אלע האבן נאך גישלאפן פלעג איך מיר דעם אויבין איין הייצין, דיא סטאדאלע אוים קערן, וואשר צום קאכן און צו וואשען אן טראגען, האב זיך גישטעלט דאבנען, האב מיר גינומען פרישע מילך פון דער קוה, פלעגט מיר אייביג די פאסטושקע דער לאנגן, דש דער בע״הב האט נאך גישלאפן, דיא קינדר זיינן אויף גישטאנן, האב איך מיט זיי אב גילערנט, אונ האב מיט זיי אויך איין פעולה גיטאָן, דער עלטערער וואלט שוין אין עברי גוט זיין, נאר ער האט איין ווייניג איין שווערן לשון, דער אנדערר האלט אויך אויף איין שוינעם שטייגעֶר, אין קורצין זיי זיינן זייער צו פרידן

(1) פאר פראָסטע שווערע דאָרפס־ארבייט נעהמט מען א גוי, און מען רופט איהם מיט׳ן גויאישען וואָרט. רוסיש — פּאַראַבאָק. פּויליש — פּאראָבעק.

(2) פלאָסקעס (?) קין. זעה ספר חסידים פרנקפורט, תרפ״ד, סימן תקנ״ג: במוצאי שבת לא יקח עץ ששמו קין בלשון אשכנז להדליק לברך עליו מפני שריחו רע. אין פוילען פלעגען אלטע לייט רופען א שוועבעלע (א. מ. דיק. מאָטקע און הערשקע, תרל״ג, ז. 30. דעם וואָס מאַכט שוועבעליך רופט ער דאָרט „שוועבּיל־מאַכער״) — קינדעל.

גיוועזן, אונ האבן מיר נאך צו גיזאגט פאר מיר אויף צוויי שטאנען לייווינד אונ פר דיר איין נאמעטקע אויף ארביל נאר אבער ערשט איז ער שולדיג גיבליבן פר בראנפין, אונ פר דער ארענדע, האט ער מיר מער ניט גיגבן, וויא איין טאלער, דש שיק איך דיר, און ווייטר מוז איך בלייבן אויף דעם אנדערן זמן, איינש ווייל איך קען די קינדר ניט אוועק ווארפן, זיי קענן דאך בייא מיר מענשן ווערן, אונ דאש אנדערע עש קען גאר די געלד זיין פערפאלין, פר צוויי מייל איז איין קליינע שטעטיל, וועל איך אפשר איין שחרית אונ איין מוסף דאבנין, וועל איך קענן זיבן אכט גילדן נעמן, אין דעם זייא גיזונד, פר זיך מיט צוויי קינדר וועשטו גינוג האבן אויף יו"ט, צוויי שיק צו מיין פאטער, אונ איינעם שיק צו דיין מוטער, מיר זיינן ניט ווערט דעם היינטיגען יאָהר דעם נחת, בעסר דאך וויא פר איארן, נאר זיי ווישן, אז איך בין דאך ניט פארפאללען, דיין טרייער מאן שמריהו חיים במהו' צדוק חנוך מווארענאוועֶ,

אינטערעסאנט דאָס דיק אין דעם „אידישען סטודענט", ווילנא, תרל"ב, ז. 6, האָט אויך א מאן וואס דינגט א מלמד פאר דריי רובל א זמן, מיט עטליכע איילין לייוועגט אויף א פּאָר שטאנען, דערצו מוז ער אָבער העלפען אין ברויז, קין שפּאַלטען און אויף די בהמות אכטונג געבען.

וועגען דעם לעבען פון יונגע אידישע טעכטער פאר דער חתונה האָבען מיר אן אינטערעסאנטען בריעף וועקסעל, אום אָבער עס קלאָרער צו באגרייפען ווילען מיר דאָ ציטירען אייניגע שורות פון דעם אָנפאנג פון „ספּורי הפלאות" (אָדער „מעשה־בוך"[1]):

„מעשה גשאך ר' יודא חסיד פון רעגנשבורג וויל זיין טאָכטיר איין מאַן געבן, דען ער וויל ניט האָבען אז זיין טאָכטר זאל ארום גיין מיט חובות און משכנות..."

ביי דעם בעלי־בתי'שען, און איבערהויפּט לומדישען קלאַס איז עס אָבער געוועזען א כלל דאָס די טעכטער און פרויען זאָלען זיין די בריות און פרנסה־געבערם.

(1) מיין עקזעמפּלאר איז ווארשעווער דרוק פון יאָהר תרי"ג.

טאַטעס האָבען באַלד עס איין געשאצט אין נדן דאָס די טעכטער קענען א מאן מפרנס זיין. (זעה ביי א. מ. דיק, וויטצען און שפּריטצען, ז. 18. דער בן יחיד, ז. 23). עס האָט זיך אפילו ניט זעלטען געטראָפען דאָס די קונים, און איבערהויפּט די פּריצים, זאלען באליידיגען די צניעות פון די שעהנע סוחר'טעס.

מען האָט אָבער געמוזט פארשווייגען. ערשטענס, וואס טהוט מען נישט פאר פּרנסה, און הויפּטזאכליך, ווער נעהמט ערנסט א גוי, אן ערל?

אָט האָבען מיר ביי אקסענפעלד'ן (ערשטער אידישער רעקרוט, ז. 52) א א סצענע ווי א יונגער פּריץ־קונה קושט א אידישע טאָכטער. זי וויינט ביטער. די מוטער טרייסט זי: מיין קינד, לאז זיך דיר דאכטען א הינט האָט א לעק געטהון.

ביי ספּעקטאָר'ן (עניים ואביונים, זייט 57) זאָגט א מוטער צו דער טאָכטער: ניין, טאָכטערניו, עס איז ניט גוט וואס מ'מיז קונים געבען די האנד, הערען זייערע נארישע ווערטער, נאָר וואס טהוט מען ניט צוליעב פּרנסה? אויף דערויף איז ער דאָך א גוי, איין ערל טמא, דער יוד איז דרויף אין גלות, לאָז זיך דאכטען אז מען גיט א שטיק האָלץ די האנד.

די משכילים, וועלכע האָבען הויפּטזעכליך געוואלט אויסראָטען די בטלנים — לעדיג געהערס, האָבען קעגען דעם צושטאַנד פארפירט א אום־רחמנות'דיגען קאַמף.

אונזער מחבר פיהרט זיין אגיטאַציע קעגען אָבגעבען טעכטער צום האַנדעל נוט־מוטיג, אין א פאָריגען בריעף גיט ער אליין אן אָרימאן אן עצה אָבצוגעבען „די זכרים צו בעלי מלאכות און נקבות אין קראָמען", די שפּעטערע משכילים האָבען אָבער אָנגעפירט זייער קאמף מיט וואוטה און מיט שוים פאר די ליפּען.

אָט שרייבט אייזיק מאיר דיק:

„דיזע אונזיטע (מנהג הרע הזה) קוועלט ארויס נור פון איינר שלעכט פארשטאנענע פרומקייט, מען האָט עס אזוי איין גיפירט ביי אונז אידען אום דער מאן זאָל האָבען צייט צו זיצין און לערנען. און נאָך האָט ניט א זוא א מצוה הבאה בעבירה ווי דיזע איז איר גלייכין, מיר זעטצען

אוים אונזערע טעכטער אונזערע פרויען אין די קראמען אונ אין די טראקטירען. וויא עס האָבען עס גיטאן אמאָל די מואבים דארט ביי דער געשיכטע פון פעור מיט זייערע טעכטער אונ פרויען:. (דער בן יחיד, ווילנא, תרל״ה, ז. 18.).

יום ג׳ אייר תקפ״ב

לאוה׳נו ה״ה הרבני היקר החכם מהו׳ קלונימס קלמן נ״י,

מיין ליבר פריינד אלס איר ווייסט דס איך אייער גוטר פריינד בין, ווי איך גהערט האב דש איר האט איין ארינטליכע טאכטר וועלכע האט ביי אייך ניט וואש צו טאן און ווי איך האב אויך גהערט דש זי איין קלוגע און איין בריה איז, וועט זי גווים אין איין קראם זייער פיל טויגן, ווייל ביי אונז אין די קראמען מוז מען קלוג זיין מען מוז וויסן מיט דעם סוחר ווי צו ריידן, סחורה ווי צו וויזן, דעם אייל ווי צו האלטען, די סחורה ווי צו מעסטן, וואש פר סחורה פריער און וועלכע שפעטר צו דר לאנגן, בייא איין קלוגע קרעמערקע

ווערט פון דעם ערגסטען גטונעג[1]) דר בעסטר מען מוז וויסן וועלכן סוחר מען קאָן פון קראם אוועק לאזן, אונ וועלכן מען מוז באלד פר קויפן ווי מיט אים צו האנדלן, ווען נאך צו לאָזן דעם מקח, און אפט אויף איין אנדרע סחורה אויף צו זעצן דעם מקח, דר כלל איז פר דעם קליגסטן סוחר מוז מען נאך קליגר זיין, און אלש ווענדט זיך אן דר קרעמערקע, אפט מוז דר קרעמער אייגעם צו ליב טאן, און לאָזן וואלוויל דארף זי איר שכל האבן באיי זיך, און ניט לאזן פר דעם מקח, אפט מוז זיך איין קרעמר היטן פר איין בעל חוב, אפט האט די קרעמער קיין ברירה און פר דעם סוחר דווקא מען זאל אים וועלוועלער לאזן, אפט פר קערט האלט זיך דר קרעמער טייערער, און זי גיט דווקא אוועק וועלוועלער,

(1) פּויליש — מין, סאָרט. אויך משה מארקוזי אין זיין ספר רפואות, פאריצק, 1790, האָט דאָס וואָרט גענוצט. זעה נ. פרילוצקי׳ס זאמעלביכער, ב. 2, ז. 10, ער האָט עס אָבער נאָך נישט געהאַט פאַראידישט, נאָר געשריבען: „גאטונעק״.

אפט מוז מען אין איין שטאנציע גיין. אז מ׳לייזט קריגט מען אָפט ביר געלט[1]) בדרך הטבע מאַכט אין איין קראם זייער פיל, אי״ה זי קען ביי מיר איין מענש, ווערן און איר וועט פון איר גאר קיין צער ניט האבן, זעט איר וואש צום געשווינדשטן צו שיקן זיא צו מיר ווייל איך בין ערשט אן איין קרעמערקע, זי וועט ווערן ביי מיר איין לייט, ובזה אומר שלום ידידו ונאמנו יחזקאל טודרוס במהו׳ יצחק מנחם זלהה׳,

ע נ ט פ ר

יום ג׳ תמוז תקפ״ג

לאוה״נ הה׳ הרבני המפורסם וא״נ מהו׳ יחזקאל טודרוס נ״י,

אייער בריב האב איך מקבל גוועזן ע״י הפאסט, איך דאנק אייך פיל מאל פר אייערע פריינדשאפט, אבער מיין טאכטער אין קיין קראם האב איך קיין חשק ניט צו געבן, ווייל די קרעמערקעס ווערן מער ניט אין קראמן גניצט צום ארום לויפן טאג אונ נאכט, דעם לאדן אלע ווייל צו בייגן, מיט דעם אייל ווי מיט דעם פייל צו ווארפן, מיט די פינגר די מאס איין צו האלטן, צו בלענדן דעם סוחר די אויגן, צו ריידן אן שיעור פיל פאלשי שבועות צו פר בריינגן, און מוזן פרי אויף שטיין און די שליסיל צו בריינגן צו עפענען די קראם, און צו שרייען יעגאמאשץ טאָם גנילי טאוואר (דש היישט ביי דעם אנדערן איז פר פוילטע סחורה[2]), און מוזן דעם גאנצן

(1) וועגען ביר־געלט — זעה מיין „וואונדער־אוצר״ — מלאכות און בעלי מלאכות, ז. 25. און דר׳ מאקס וויינריך׳ס „שטאפלען״ (בערלין 1923), ז. 213 און ז. 246. ביי א. מ. דיק, דער אונגעבעטענע געסט. תרל״א, ז. 12 און 21, הייסט עס — טרינק געלד. אָבער אין „פערדרייענעס״, ווילנא, תרל״ד, ז. 29, רופט ער עס אויך „ביר־געלד״.

(2) דער הויפּט קונה איז געווען דער פּוילישער פּריץ, אדער — שררה. זעה אייזיק מאיר דיק. די אידען אין ליטע, ז. 45־47 דאָס די מיידלעך האָט מען ערצויגען אין פרנסות, דאמיט זיי זאָלען קאָנען מפרנס זיין זייערע מענער, און דאהער האָבען זיי געקאָנט ריידען אבּיסעל פּויליש אויך אוים פּראקטיקע נאָר. די מאַנסליוט האָבען איין וואָרט פּוי־

טאג שרייען פון אויש צו רעכנין אלע סחורות וואש עש גפינט זיך אין קראם, אונ דש מוזן קענן אלי קרעמערקעס, און צעהן אודר פופצעהן קרעמערקעס האפין איין שררה פר דר האנט און איטליכר ציהט צו זיך, שטענדיג אויפן גיעג מיט אנדרע קרעמערקעס זיך צו צאנקן און צו שלאגן, אין שטאנציעס אויב מען דארף יוא אדער ניט נאר גילאפן, איבר איין מאל ביר געלט ציהט שוין צום לויפן אלע ווילע, זיי ווערן צו לאזן און נאשין אלע ווילע, און זיינן איין גריכט ווי די טייוולן פון אויף צו בלאזן די פיוער טעפ, און בראטן בולבעס פר קרעמערקעס, לייזט מען שוויגט נאך דר קרעמר, דש רוב ביי דר צייט לייזט זיך נישט, האלט מען אלס די קרעמערקע אין מזיל, רעט מען אויף איר בעלידיקט מען איר, לאזט מען איר אין מיטן גאר אוועק, בלייבט זי אוף איין צייט נע ונד הייבט זי אן מיט סחורה אליין ארום שטאנציעס צו גיין, צו דר צייט קען זיך אפט יוא טרעפן אז מען זאל לייזן, אז מען זאל יוא וואש פר דינן, נאר פר מיין טאכטר איז דש קיין זאך ניט, און בין זעלכי גליק ניט מקנא, לאז זי בעסר זיין אין דר היום איידר איין בריה אין קראם, אייך דאנק איך פר אייער גוט הארץ לאז אייך גאט איין אנדרע צו שיקן שטאט איר, אוה"ונ קלונימס קלמן במהור"ר אליהו איציק עפשטיין,

עס איז מערקווירדיג דאס א. מ. דיק, דער בן יחיד, ווילנא, תרל"א, ז. 30, גיט א בילד פון א קרעמערקע כמעט אין גאנצען גענומען פון אונזער בריעף: ,,וואס קאן נאך עלענדער זיין אין דער וועלט אלס אזוי איין גישעף (בעשעפע־

ליש ניט געקאנט ריידין, פאר זאכען וואס זענען נוגע די רעגירונג האט יעדע גרוישע שטאט גיהאט איין שטאדלען וואש וואר איין למדן און האט גיקענט פויליש און ער האט מוציא געווען די גאנצע מדינה. און אין די קלענערע שטעדט האט מוציא געווען דעם עולם איין הויפיגער שניידער אדער איין רופא.

איך וויל צוגעבען דאס אויף א מצבה אין דער שטאדט גאמבין (ווארשעווער גובערניע) פון יאהר תרי"ב, שטעהט: ,,מבין לדברעם רבי המדינה''.

נעם) וואס דינט ביי א איינער אנדרע פרויא אין קראם, דאס איז וויא דיא ווארהייט צו זאגען איינע שאבאצענע 1) סלוזבע, דען אויסער דעם וואס זיא מוז זיין אלע מאל איינע צו געשמיטע צום קראם, אנפאלען אויף יעדען פאר ביי גענדען ווי איינע בריטאנקע2), שלעפין אים אין בוד3), אויסרעכנין פאר אים אלע סארטען סחורות... קריגען זיך אונ אויך זייער אפט שלאגען זיך מיט איינער אנדערע קרעמערקע איבער א קונד, אונ אמאל זיך אומטרייבען מיט סחורה ווי א יאג־הונט 4) איבער די שטאנציעס, אונ אויסשווערען זיך מיט אלער הייליגקייט דאס די סחורה איז פון בעסטען סארט, ווערט זי נאך גיברענט אונ גיבראטען פון

---

(1) עס מוז זיין פארגרייזט אין ליטווישען דיאלעקט פון — סאבאטשנא סלוזשבא, הינטישע דינסט.

(2) די באקאנטע בריטאנישע בולדאגט זעה נח פרילוצקי'ס זאמעלביכער, ב. 2, ז. 174, (ווארשע, 1917) אויך באסטאמסקי, ,,ביים קוואל''. א. מ. דיק, ,,אונגעבעטענע געסט'', ווילנא, תרל"א, ז. 39: א הונט א בריטאן, וואש ליגט ביי די טרעפ וויא איין טיגער, און לאזט קיינעש ניט אריין אהן זיין ערלויבנים.

(3) בוד — אויף דייטש בודע, פויליש — בודא. ענגליש בוטה. אין וויטצען און שפריטצען, תרל"ד, ז. 28, ווען דיק ברענגט דאס ווארט בודע גיט ער אן אין האלבע לבנות דאס ווארט קראם. די באשיצונגען איבער א וואגען רופט מען אין אידיש ,,בויד'' (מענדעלי מו"ס, ב. 7, ז. 164: בעל עגלה'שע בוידען), און א. מ. דיק האט א ביכעל הייסט עס: די קאוונער בריקע (בויד). אין קורלענדישען אידיש הייסט נאך היינטיגען טאג א קראם — בוד, זעה אויך, די שטאלצע קורלענדערין, פון מרדכי יודלזאהן, ווילנע, תרע"ג, ז. 7. דאס מען האט דעם חתן צוגעזאגט צוויי יאהר בוד מיט דירה. זעה אויך וויינרייך ,,שטאפלען'', ז. 198.

(4) יאגד־הינט ?

די פּריסעק 1) וואס עס שיטעט איבער איהר, איהר פּרינצעפּאלען מיט איר פערפלוכטען מונד ווי איין פייער שפּייענדיגער בארג אין די שטונדען וואס זי לייזט גאָר ווייניג..."

האָט ניט דיק אמאָל געזעהען אונזער בריפּענשטעלער?

מיר האָבען אויך אינטערעסאנטע בריעף וועגען דעם לעבען פון א יונגער פרוי אין הויז פון איהר שוויגער.

זי באקלאָגט זיך, די מוטער רייסט איין וועלטען, אָבער דער קלוגער פאָטער קומט און זאָגט זיין שטרענג קלוג וואָרט וואס עלטערען מעגען נאָך היינט הערען:

יום ג' כסליו תקפ"א שאוול
לאהובי אבי הה' הרבנו הנגיד המפורסם בש"ת מהו' אברהם שמואל ולאמי היקרה הצנועה החכמניות מ' דאבא מירל שתחי'

מיין ליבר פאטר און מיין ליבע מוטר, דש וואש איך האב ביז אהער ניט גשריבן זאל איך קיין וואונדר ניט זיין איר וועט פר שטיין אן דעם בריף נאך, דש איך האב קיין שולד מיינע ליבע עלטערן, איך דאנק אייך פיל טויזנד מאהל, פר אייער מיהע און טרייליכקייט וואש איר קעגן מיר געוויזן אוך גטאן האט, נאר גליק איז אומ מיגלך איין קינד צו געבן 2) איך האָב גמיינט גרושע שטעט

(1) איך גלויב נישט דאָס עס איז פון פּוילישען פּריסק, ווי פּראָפ. שטראק וויל האָבען אין זיין אידיש־דייטשען ווערטערבוך, נאָר פון פּריסאק, אין סמאָלענסקער רוסישען דיאלעקט, הייסער אש, (זעה דאל'ס גרויס־רוסישען ווערטערבוך). מען זאָגט אויך אויף אידיש: ער האָט געברענט, געשאָטען אויף איהם הייסע אש. (ג. ח. לערנער, א חתן אָהן א באָרד, ווילנא, תרס"ט, ז. 29). די דאָזיגע רעדענסאַרט, ווי אַנדערע עהנליכע, שטאַמען פון די אינקוויזיציאָנס מיטלען פּראקטיצירט אין אמאָליגע געריכטען.

(2) זעה ביי א. בערענשטיין: נדן קענען עלטערען געבען, אָער ניט קיין מזל. מען זאָגט אויך: אויף יעדען הערעלע אַ פערעלע, אָבער מזל־ברכה קאָן מען ניט מיט געבען.

מאַכן גרושן, גליק, ערשט אין די גרעשטע שטעט, איז אייביג די גרעשטע שלעכטש, מיין מאַן לוב גאט פעלט אלץ ניט, ווי מען אונז פארגעשטעלט האט, ער קען לערנן, שרייבן 1) און וואָלט טוגן צום האנדל, ווען ער וואָלט נאר ביי זיינע עלטערן ניט גיוועזן, איך קען ניט זאגן דש ער חלילה קעגן מיר שלעכט איז, נאר עס האט מיר געטראפן, פון וואש איך מיר זייער שטארק געהיט האב, צו זיין צווישן עלטר שווער און שוויגער און שוועגערנש, מען ציילט מיר די מינוטען פון לעבן, די ביסן פון עסן, און די צייט פון שלאף, ארבייט האב איך ניט נאך מיין קראפט, ווייל די הוז ארבעט איז אוף מיינע הענד אב גגעבן גווארן, זיי אלע גייען גפוצט, איך מוז אייביג פערפינסטערט און פר שמאכט גיין, אוב וואוהל דר עסין איז גנוג דא, אבר די צייט, די ארבייט, פר צומט דעם מויל, אונ ער לובט ניט וואש פר זיך צו געניסן, איז ניט זוי גיך פארטיג שילט מען מיר פון גרונד 2) מען זאָגט זי איז שון זאט, און האלט אוף מיט פליים די קיך דעם גאנצן טאג, קומט אריין איין פרעמדר מענש, שילטן מיר ווידר אלע, ווארום גיי איך ניט גפוצט ארום קיך, לייג איך שון מיר ווידר רוהען, קומן גראד פרעמדע מענשן צו פארן, מוז איך באלד אוף שטיין צו בעדינען ארום זיי, קומט אין דר פרי, איז זיי ווייניג זויערע צירונג, נעמן זיי נאך מיינע, און ווען מיר ווערט אפט זייער שלעכט הייבט מיר אן טרערן צו פרעסן פון די אויגן, הייבט זיך ווידר אן מויל אוף אויער צו לייגן 3) די גאנצע הוז איינעם צום אגדערן, ביז עש שטעלט זיך מיר פר טויזינד גדאנקן, און עס ווערט מיר כמעט די גאל צו שפרונגן, איך האב מיר

(1) „לערנען און שרייבען," דאָס זענען געוועזען די צוויי הויפּט זאכען מיט וועלכע א חתן האָט זיך געקאָנט אויסצייכענען צו האָבען מעלות עצמו, זעה אויך י. בודזאָהן, א חתן אויף ארענדע, ווילנא, תרס"ט, ז. 5, טהוען ליטווישע שדוכים, נעמען למדנים און „שרייבערס".

(2) „שילטין אויש פון גרונד", אונגעבעטענע געסט, א'מ'ד, תרל"א, ז. 33.

(3) אן אינטערעסאנטע רעדענסאַרט: ווען מען סוד'עט זיך לייגט מען צו דאָס מויל צום צווייטענס אויער.

עטליכע טעג גיקלאָגט, האט קיינער ניט גטרעטען, בלויז די אלטע שוויגר פון יוצא וועגן, גזונד בין איך גווארן פון פרגניגן וואש עס זיך גטאן האט, עס זיינן גוועזן פיל וואש זיינען פארטיג גוועזן צום עסן, און עס איז ניט גוועזן וואש, און ווער זאל מאכן, די בריסקר שנור האט מיר גיוואלט כמעט פון בעט ארוס ציהען, דש איך זאל גיין שון צו דר ארבעט, אין קורצן עס איז ווייניג צעהן מאל זוי פיל פאפיר צו שרייבן, איך וואלט אוך שרייבן איין ווייניג פון זייערע רכילות, וויל איך איך ניט מצער זיין זו פיל, נאר אין קורצן, איך וויין אלי טאג, אז איך דר מאן זיך אז אייער מיהע איז ניט אן גליגט, און אייער קאסטן, גייט לאיבוד, זעהט אום גאטש ווילן מיך אב צו נעמן, איך בין אין זוי איין צייט, וואש מיר די ארבעט איז שון צו שווער, איך האף דש איר וועט אוף מיר רחמנות האבן, אונ וועט זעהן אלע מיגליכקייט צו לייגן, מיר צו בעפרייען פון זוי איין אורט, איבר הופט בעט איך דיר ליבע מוטר, ווייל איך ווייש דש מיין פאטר קען זיך אפט נעמן צייט ניט צו הערן, אייער טרייע טאכטער וועלכע האפט אוף אייער קומן, מרים דבורה בת הנגיד מהו׳ אברהם שמואל גינץ בערג.

יום ד׳ כסליו תקפ״ב

לכבוד אהובי בעלי הה׳ הרבנו
המפורסם מהו׳ אברהם שמואל נ״י,

מיין ליבער און טרייער מאַן, איך גריס דיר ערשטענס פיל מאל און לייען דעם בריף פון דיין טאכטער וואש דא איין גשלאסן איז, צייט דר בריב גקומן איז, קענן מיר אלי אין דר היים ניט רוהען, עס קערט מיר אלע ווײלע צו טרערין, דש אונז זוי פיל געלד און גזונד גיקאסט האט, ווי האבן מיר איהר דיש ערצויגן, דש זי זאל דש פון ערשט אין זוי איין גראבע שלעכטע הויז קומן, און נאָך מעהר מיט דעם גזונד צו צו שפילן1), מיין ליבר מאַן לייג אלץ אוך דעם האַנדל אוף איין זייט אונ זעה צו קומען, דש מיר זאלן קאנן אונזר אוינציגע טאכטר פון זוא איין ביטערע הויז אויש צו רייסן, איך ווייש דו קענשט אפט דער פון לאכן, איך זאג דיר

(1) וועו „מען שפילט מיט׳ן לעבען״ (ספעקטאַר, עניים ואביונים, ז. 234) אָדער — מיט׳ן געזונד, הייסט עס, דאָס מען איז עלול עס צו פארלירען.

קומשטו ניט, אוף דר אנדערער וואך, וועל איך מיר צו נעמן איין קלוגן מענשן, אונ איר צו זעהען פון דארטין פריי צו מאַכן, בפרט אין זוא איין צייט, עס קערט מיר גאר דר מח דערפון, עש זאגן אוך פרעמדע דש איך אונ די, זיינן די גרעשטע גזלנים איבר אונזר אייגן קינד, עס האט דאך מיר ווי פיל שורות, זוא פיל יארן לעבן וועק גנומן, אונ דש אנדרע, זיי קענען נאָך ביי איר אלץ דער ווייל אוועק נעמן. אדר אנדרע להכעיס טאן, וואש העלפט די פיל שרייבן, מען מוז זעהן וואש צום גיכשטן צו פאָרן, אונ איר פון דארטן הערויס בקומן, אין דעם זיי גזונד אונ לעב וואוהל, דברי זוגתך דאבע מירל.

ענטפר

יום ג׳ טבת תקפ״א ריגא

למחברתי הצנועה ומפורסמת מרת
דאבה מירל שהי׳,

דיין בריף פון ד׳ כסליו האב איך מיט גרויש צער גילייענט, עס ווערט מיר גיוויש דער פון זויא גוט שלעכט ווי דיר מיין קינד איז מיר זייער טייער, נאר צו זיין צו איין גילעכטר פון דר וועלט איז אויך ניט שיין, לאז דיר דוכטין דו וועשט פארן, אונ וועשט איר אפ נעמן, וואש וועט איר דא דער פון גוט ווערן, אונז אליין קען זי אוך איבער דריסיג יערן, און דארטן וועט מען איר נאמן מער ניט קענן הערן, מיר וועלן מער ניט מאכן חלילה איין פרישה און איין פיינדשאפט צווישן די קינדר, דער הויפט איז, דש מען טאר אקינד ניט פיל נאך געבן, פון ארבייט וועט איר חלילה ניט שאדן, אונ איביג וועט זי מיט שווער אונ שוויגר אונ שוועגרינס אין איינעם ניט זיין, איין מאל, מיט איר מאַן, שרייבט זי אליין פר טראגט זי זיך, דארפן מיר פון ווייטן מער ניט אכטונג געבן, און שווייגן, צו איר שווער אונ שוויגר האב איך שוין פער פאַסט גשריבן, און ווייטר זיי רוהיג צו הויז און שרייב מיר מער ניט דער פון, וואַרום אז מיר וועלן אלע ווײלע איינער צום אנדערן דער פון שרייבן, וועט מען קענן איין גאנצען בריפען שטעלער דרוקן, דרום זיי גזונד און לעב וואהל, אי״ה אז גאט וועט איר מיט איין גוטן גליקליכן זון בעפרייען, וועלן מיר אן דעם דארטן אוך זיין, דברי בעלך אברהם שמואל גינץ בערג.

וועגען א זווג־שני, וועגען דעם לעבען פון א בית־דין שמש און ווי אזוי די שדוכים זיינען צוגעגאנגען האָבען מיר א אינטערעסאנטען בריעף וועקסעל:

יום ה' שבט תקפ״ד

לאהובתי אחותי הה' הצנועה והחסודה החכמניות מרת יענטה גרונה שתחיה

מיין שוועסטער צייט איך בין ניט פר דיר גיזאגט גוואָרן איין אלמנה גיווארן, האט זיך מיר קיין רעכטין שדוך נאך ניט גטראפן, מיט קיין אום ערליכן מאן האב איך ניט גוואלט טאן, זוא וואש רעכטס האט ניט געוואלט מיט מיר טאן, איבער די קינדער זאללען לעבן, אין קורצן יענע וואך קומען אריין צוויי שדכנים מיט איין מענשן, באלד פון מיטעלע יאָרן, אן גיזעהנדיג שוין האט ער מיר אוש גיוויזן פר איין ערליכר אידל פר קיין למדן האט ער מיר ניט געשיינט, פר קיין בעל מלאכה געוויש ניט, אזו האבן די שדכנים אן געהויבן צו ריידן, איר זייט דאך קיין קליינה קינדער, איר דארפט זיך ניט צו שעמהען, ער אליין האט אויך אן גיהויבן צו מיר צו ריידן, און זאגט מיין ליבע אידענע, אוב איך בין אייך אנשטענדיג, לאמיר טאן למז״ט איין שידוך, איך האב עטליכע הונדרט גילדן געלד נאר איין זאך בעט איך אייך ווען עס זאל זוא ווערן, אָדער ניט ווערן, דארף קיין מענש ניט וויסן אז איך האב אייך גזאגט אז איך האב געלד, זוא האב איך מיר מיין שוועסטער נאך מער דר שראקין, איך האב גמיינט אפשר חלילה ניט קיין ערליכר מאן, אין קורצן ער זאגט צו מיר ווייטר, אידענע איר זאלט וויסן, איך בין ב״ה איין מענש וואש צו ווישן לייטן גיאכט איך בין אפשר אוך איין פערטל דיין, איך האב גלייך פר שטאנען, אז ער איז איין ערליכער מענש, עכ״פ אין צוויי טעג ארום האבן מיר חופה גשטעלט למז״ט, נאך דער חתונה עטליכע טעג האב איך אלים ניט גקענט דער גיין, וואש זיין פרנסה איז, ער האט מיר בשום אופן ניט גוועלט זאגן, איך פלעג אמת זעהן דורך דעם פענסטער אלע ווייל אים אויף דער גאס לויפן איין מאל מיט מענשן, איין מאל אן מענשן, קאם איך האב דר זעהן מיט מיינעם איין בעקאנטן אים ריידן, איך בין גלייך אריבר גגאנגן, אונ פרעג יענעם ווער איז דער אידל וואש איר

מיט אים ניט לאנג גרעט האָט, וואש טייטש זאגט ער דאש איז איין ב״ד שמש, האב איך אן גהויבן צו לאכן אונ האב אים אן גהויבן צו פרעגן ב״ד שמשים פר דינען דען זייער הוצאה, אך זאגט ער, זיי זיינן אן גשטאפט מיט געלד, זאג איך וואש טייטש, דעם פיואים וואש מען גיט פר דעם גאנג, קען מען דא גאר רייך ווערן, האט ער מיר גגעבן צו פר שטיין, איינם ניט אלע גיבן פיואימם מען גיט צו זעקס, און צו צעהן גראשן, אונ אנדרע מעהר, אונ דש אנדרע ווייסט איר וואש זיי טוען זאגט ער צו מיר, למשל איינר קריגט מיט דעם אנדערן שיקט מען דעם ב״ד שמש מתרה צו זיין, פרעגט ער דר ווייל אויס דעם גאנצן יענטערעס, אונ דר נאך קומט ער צום אַנדרן צד, ברייגגט זיי צו הויף צו זאמן מאַכט צו ווישן זיי איין פשר אונ נעמט נאָך עטליכע גילדן פשרה געלד 1), אונ ב״ד זעט זיי אין דר אויגן ניט אונ אז אנדרע בעלי דברים זיינן הארטע מענשן, אונ גייען דווקא צום ב״ד, לאזט שון דר ב״ד שמש זיי זיך דרייען ארום ב״ד עטליכע טעג, ביז ער ווערט גוואר פון ב״ד דעם גאנצן גרונט, אונ וואש זיי ווילן פסקענן, קריגט ער ארום די בעלי דברים פון ב״ד שטיבל, אונ מאַכט צו ווישן זיי איין רעכט, דא חאַפט, ער שוין שיינה עטליכע גילדן, אפט מאכן מענשן פר זיי מסירת מודעות, אפט זיינן זיי שלוחים פון גיטין, דש קומט דאך אלים אריין איין שטילער גראשן, זיי שטייען זאגט ער אפשר אויף גרושע 2־3 גילדן איין וואך אזו ווי איך האב דר הערט, האב איך מיר דר פרייט, אז איך בין ב״ה איין ב״ד שמשטע פון שטאט בין איך דאך ב״ה איין לייט, אין דעם מיין שוועסטער זיי גזונד זאיי וויסן אז דו האסט איין ב״ד שמשתע איין שוועסטער ב״ה, דיין טרייע שוועסטער רויזה געגענדיל בת המנות מהו' יחזקאל שמעון ב״ד שמשטע,

ע נ ט פ ר

יום ה' לחודש מר חשוון תקפ״ה איוויע
לאהובתי אחותי הה' הנגידה המפורסמת מרת רויזה גנענדל שתי'

(1) ווען מען פסק'ענט א דין תורה, הייסט עס „פסק־געלד", אָדער „דין־תורה געלד". זעה א. מ. דיק, דער אידישער פריידיגער, ווילנא, תרל״ח, ז. 31.

מיין שוועסטער מז"ט דיר מיט דעם נייעם מאַן דעם ב"ד שמש ווי די שרייבסט מיר האשטו ב"ה גטראפן גאט זאל דיר געבן מיט פיל גליק, און זאלשט נאך פון אים פיל ב"ד שמשימלעך דער־לעבן, נאר ביי איך אין איין גרושע שטאט, איז טאקע איין ב"ד שמש איין לייט, ביי אונז אין איין קליינע שטעטל איז פר האַנדן איינר איז ער נעביך איין ב"ד שמש און איין בדחן, אונ איין שול רופער, אוך אגייער מיט בריף, און איז אוך איין ליכט צינדער, דער ביי טרינקט ער קיין מעשה ניט, ערב יו"כ שטייט ער אמת מיט'ן טעלער1), מאכט אים קוים 10 צוועלף פיאים, איין גרושר אביון, שטארבט מיט ווייב און קינדר כמעט פר הונגר, אפט טרעפט זיך אמת איין חתונה, אדר איין ברית מילה, איז ער איין בע־טער2) מיט איין סארוועך3) אין איינעם פר דינט ער כלומר וואש עס איז, ביי אונז איז איין ב"ד שמש גאר ניט זויא פיל חשוב, נאר אמת אייערע ב"ד שמשים אין איין גרושע שטאט זיינן שון גיניט אין אללע זאכין אבער ביי אונז אין איין קליינע שטעטל, שטיינש גזאגט וואש מען קען שון דער לעבן פון ב"ד שמשות, נאר מיין ליבע שוועסטר איך בין זייער צו־פרידן פון דיין שידוך אונ עלטר זיך

(1) „דאָס שטערינטיכל", אָדער „שבת חנוכה אין מעזיביז", ז. 5, דאָס דער שמש פלעגט האָבען חנוכה־געלד, פורים־געלד, די שיסל ערב יו"כ. שלום־עליכם־געלד און בשעת די בעלי־בתים פאָהרען אוועק.

(2) דער שמש פלעגט זיין דער בעטער צו שמחות, זעה „שנאָה איבער א חתן" נ. ח. לערנער, ווילנא, 1912, ז. 12: מען שיקט איהר ניט קין בילעט, קיין צעֿ־טיל, קיין שמש איהר רופען צום תנאים. זעה אויך: מען האָט גיזעהן דעם שול שמש ארומלויפענדיג פערבעטען אלע בעלי־בתים צו רבי זרח אויף תנאים. שמ"ר, שיינדעלע, ווילנא, תרנ"ו. ז. 29.

(3) פראנצויזיש — סערוויר. אין פראנצוי־זיש איז עס אבער א ווערב און נישט קיין זאך־וואָרט (שם עצם, אָדער ווי מען רופט ער אין אידיש: שם דבר. פון די רעדענסאָרט: „ער איז א גאנצער שם־דבר!". דיק, בארוסקע דער שומר, ז. 21). עס איז אָבער שווער צוזאמענ־פאָרען אונזער סארוועך מיט'ן ענגלי־שען סוירוועך, ווייל אין אידיש איז דער ווערב ניט סארוועך, נאָר סערווי־רען.

מיט אים ביז הונדרט און צוואנציג יאר אונ אין עושר וכבוד, אין דעם לעב וואהל דיין טרייע שוועסטר יענטה גרונה בת המנות מהו' יחזקאל,

ווענען די שדכנים און זייער מאָדנע פרנסה האָבען מיר צוויי גלענצענדע בריעף וואס גיבען אונז מיט הערליכען הומאָר ביידע זייטען פון דער מטבע:

יום ג' תמוז תקע"ט

לאהובי גיסי הה' התורני היקר החכם המושלם המופלא ומופלג מהו' בנימין בועז נ"י,

מיין ליבער שוואגר ווייל איך בין שון צו דער עלטער און קען שוין אליין ניט הארעווען וויל איך דיך צום מענטשן מאַכן און וועל דיר איין גוטע פרנסה צום לעבן געבן, איך פר גין עש קיין אנדרן נאר דיר, איך האב שוין ב'ה מיינע גרעסטע העלפט יאָרן אָבן גלעבט און האב דער פון מיינע טעכטר אוים געגעבן, איך האב איטליכע טאכטר גיגעבן צו 10 טאלער נדן אונ שיינה קליידר, פר די ליגן וואש מען דארף צו דער מלאָכה וועט מען אוף יענער וועלט ניט שטראפן, דען מען קען אנדרש קיין שידוך ניט אוש פירן, (1) און מענטשן דארפן דאך אוף דער וועלט גבארן ווערן איך בין שוין אלט, איך האָב אזוי פיל כת שון ניט אין צו ריידן, איך בין שון אזוי פיל ניט שטארק צום גאנג, ווען איך דער זעה די בתולה קען איך שון זוי פיל איר אויפן וועג ניט ברייננגן, דש זי זאל פר שטיין די מעלות פון חתן, ווי שיין, ווי קלוג, וואש איין בריה ער איז, און אופט אז ער קען ניט אזו לערנן, מוז מען דאָך זאָגן דש ער דר גרעשטר עילוי איז, אפט מוז מען איין מום אויך פר דעקן, די כלות מיינן גאר ניט די לומדים, און די חתנים מיינן גאר ניט קיין מיוחסת, זי מיינט גוט, און ער

(1) זעה מענדעלי מוכר ספרים (כל כתביו ח'ג „האבות והבנים" עמוד 821): אל לאיש אמת להיות שדכן, כי ירע לו וירע לאחרים. זעה אויך א'מ'ד, דער ליטוואק אין וואָלינען, ז. 14: יעדער שדכן מוז זאָ־גען ליגען. זעה דאָרטען די גאנצע געשיכ־טע (זייטען 14-19) וואס אילוסטרירט זעהר גוט אונזערע בריעף דאָ.

מיינט, שוין, אללע האָבּן איין גלייך ווערטל, מען נעמט ארוס די קוה פון שטאל וד'1) און דר בּיי האָב איך שוין אלמערש מיט פר שריבּנע ביכר חתנים בּזונדר, כלות בזונדר, איר וועט שוין אלץ פארטיגע, נאר אוף צו פירן דארף מען עש, ווי פיל מאל האבּ איך שון גנומען בּיי חתנים און כלות איין שריבּ געלט, דער כלל איז דער שדכן פר דינט טאפּל, איינס פר דעם איין צייכענן, צוווייטנס צו דעם צו הויף בּריינגן חתן כלה זאלן זיך זעהן, און אפט אז חתן כלה טוען צו ווישן זיך בשתיקה די עלטרן איין שידוך, קען מען פר דינן נאך מער געלט, אונ אפט נעמט ער פר דעם אפּ לאזן דעם שידוך מער ווי פר דעם צו הויף בּריינגן, אמת איין מאָל האָט איין שדכן דברים רעים אוך קללות מער ווי מען בּדארף, שונאים גווזש2) נאָר איין נס איז וואש איין שדכן האט ניט פיל

(1) בּיי א. בּערנשטיין (קוה, 4) איז דאָ א שפּריכוואָרט דאָס ערשט ווען מ'האָט די קוה צוגענומען (ארויסגע'גנב'עט) פון שטאל פארמאכט מען (פארשליסט מען) דערנאָך די טיר צו, ד. ה. דאָס ערשט ווען דער שאדען איז שוין געשעהן און עס איז שוין צו שפּעט ערשט דאן הויפּט מען אָן פארזיכטיג צו זיין. ווי דאָס ענגלישע שפּריכוואָרט:

Lock the stable door before the steed is stolen.

(Handbook of Proverbs. N. G. Bohn. London, 1904. p. 445.

דאָס פאָלק בּאנוצט אבּער די רעדענסאָרט ווען מען נעהמט א פרוי פון נישט קיין געהויבּען הויז. מען נעמט די קוה אַרויס פון שטאַל און מען שליסט צו די טיר, מען האָט מעהר קיין געשעפ־טען מיט דער פאַמיליע. בּיי א. מ. ש. „דאָס פּריוויליגע הערשעלע אסטראָפּאָ־ליער", ווארשא, 1902, ז. 15: „מען נעמט ארויס די קוה און מ'פארבּרענט די שטאל" אויך א'מ'ד אין „בּארוסקע דער שומר", ווילנא, תרל"ב, ז. 26.

(2) א. מ. דיק: אומגעבּעטענער גאסט, תרל'א ז. 24: שדכנים ווייסין אויף קלאָר דאָש ניט איינער פון זייערע געמאַכטע פּאַר פאַלגען ווינצען זייא קיין גוטעס.

קעפּ, ווייל איטליכר שרייט נאָך דר חתונה זאל דעם שדכנש קאפּ אראָפּגינוי' מען ווערן, ווי ער האָט מיר מיין קאפּ אראפּ גינומן מיט דעם שידוך, נאר וואש גייט עס מיך אן אז איך נעם אפּ די קאפּ געלט פריער, היינט האבּ איך שטענדיג תנאים, און חתונות, און אָפּט בּרית מילות, אמת ביי איין שדכן איז אין דער היים דש רוב ניטא פר ווייבּ און קינדר וואש צו עסין, אבּער פר זיך אליין איז טרינקן נאך מער דא ווי עסן, עס איז בּרודר איין גליק, אוב אייך גפעלט שרייבּט מיר אפּ תיכף ווען מיר זיך שליסן צו זאמן, און איר וועט קיין חרטה ניט האבּן, און איך האב שוין אויפן מוח עטליכע נאייע שדוכים וועל־כי מיר וועלן גיוויש אוף פירן, דברי גיסו משולם חנוך במהו' נפתלי הירץ,

ענטפער

יום ב' שנת תקפ"ד לפּ'ק

לאהובי גיסי הרבּנו הישיש היקר המפורסם מהו' משולם חנוך נ"י,

מיין ליבּער שוואגער אייער בּריב האב איך דער האלטן, אונ האבּ גוט גלאכט איבּער אייערע שותפות וואש איר ווילט מיט מיר מאַכן, האט נישט פאריבל, דארף מען איין עדלערע פּרנסה אוף דער וועלט ווי איין שדכן איז, אליגנער מוז מען זיין דער ערסטר, ווען מען איז איין ליגנער מוז מען שוין אין אלעם איין פאלשער מענש זיין, זויפן קען מען זיך אום לערנין זייער גרינג, ווייבּ און קינדר האבּן קיין מאל קיין בּרוט ניט, און דער היים גישוועלט מען פר הונגר, איך האבּ אליין כמה מאל גזעהן אז מען טרעפט אפט ניט צו גלייך איין שידוך גיט מען אָפּט דעם שדכן אין האלז און אקין, אונ אויבּ עש איז דא טרעפּ, ווארפט מען אים אוך פון די טרעפּ אראָפּ, קללות האט איין שדכן כל זמן ער לעבּט, מאן און ווייבּ לעבּן אפט אום שיין זייערי יאָרן, און אז זיי צו קריגן זיך איין מאל וועמן שילט מען דעם שדכן אונ אז דער שדכן איז גשטארבּן וואָרצילט מען אים פון קבר ארויס1) אונ

(1) שמ"ר, דער אוצר, ווילנא, תרמ"ה, ז. 25: דאָ האָבען זיך געשאטען קללות און חרמות, טאַטעס מיט מאַמעס זיינען גע־פלויגען פון די קברים.

אפט טרעפט אויך אז עש ווערט שוין דער
שדוך אב גטאן וויל מען שוין גאר קיין
שדכנות ניט געבן, בארוועס מוז ער איווי־
ביג גיין, עס קען אים גאר קיין מאל אוף
שוך ווארג ניט אויס קומן, דען ער
לויפט שטענדיג איבער די גאסן, אונ אז
מען טוט ביי איין מחותן איין טרונק
בראנפן ,אונ ביי דעם אנדערן אויך, די
קאפ פר דריט זיך, די פיס איז פר נעצט א
ליגנער לסוף בלייבט ער, פר קיין ערליכן
מאן האלט מען אים ניט, גאר די קורט
פון דער גאנצער וועלט איז אויף אים,
קללות האט ער שטענדיג זאט, אונ אפט
מוז ער נאך ווי פיל צעהנדליג מייל צו
פוס גיין, און לסוף אז דער שידוך
גפעלט ניט מוז מען גיין אין הונגר אונ
דארסט צו ריק, בעטלן אין יעדער קרעצ־
מע עסן פרעמדע בלוט און אפט מען קומט
ריידן דעם שידוך, מען גיפינט מאַן אונ
ווייב ריידן צו וויסן זיך זייער ייענ־
טערעש, זאגט דער מאן אין דער שטיל
וואש וויל דער פיאניצע האָבן, אונ קערט
זיך אפ אונ זאגט וואש קריכט איך, עס
ברענט גאר1), זייט מוחל איך האָב ערשט
קיין צייט ניט, איך האָב מיט מיין קינד
זיך ניט וואש צו איילן, און ווידר אז
עס טרעסט אָפט איין ערן ר'ל2) צו ווערמען
לויפט מען גישווינד צים שדכן, ער זאָל
זעהן גשווינד מיט ווערמן צו פר דריען,
קיין עולם הזה האָט גיוויש דער שדכן
ניט, און קיין עולם הבא האָב איך מורא
פשיטא ניט, אלס דען זעט אייך מיין
פריינד איין אנדר שותף, טרינקן אויף
דער עלטער אז איך וועל ניט זיין קיין
שדכן וועל איך אויך קענן, אין דעם
לעבט וואהל גיסו בנימין בועז בהמנוח
מהו' צבי שמרי,

איך וויל דאָ נאָך איינינע ווער־
טער צו געבען וועגען דער מערקווירדיגער
רעדענסאָרט, וואס מיר האָבען אין דעם
לעצטען בריעף: „גאָר די קורט פון דער

(1) נאָך שטאַרקער: „וואָס ברענט דאָרט אזוי
די ווילינע" (דער טייך ביי ווערכען
ווילנא שטעהט). א. מ. דיק — „פער־
דרייענעס", תרל"ב, ז. 32.

(2) זעה א. מ. דיק, דער שדכן, ווילנא,
תרל"ד, ז. 25: עס איז צוואר דאָס עס
גשעהט מאַנכע אומגליק ביי דעם שפעט
חתונה האָבען.

גאנצער וועלט איז אויף אים", ביי מענ־
דעלי מוכר ספרים האָבען מיר: „חנפה'נען
צבועטשען וואס אין דער קאָרט" (קליין
מענשעלע, ז. 90) „א גנב, א ליגנער, אלצ־
דינג וואס אין דער קאָרט" (פישקע ז.
138).

דר' הערמאן שראדער אין זיין „בילדער־
שמוק דער דויטשען שפראכע", (בערלין,
1912, ז. 450), שרייבט:

"Wenn man (zu Luther's Zeiten) gern sich ausdruckte SPITZIGE, BOESE, WILDE KARTEN AUSWERFEN auf jemand (ihm arg zusetzen, schlecht von ihm reden) so hatte man wohl den unglucklichen. Spieler im Auge, der in Zorn und mit wilden Worten seine schlechten, verlierenden Karten auf den Tisch schleudert."

אבער ביי שעקספיר'ן (האמלעט, פינפ־
טער אקט, ערשטע סצענע)
"To speak by the card,"
מיינט, רעדען גענוי און ריכטיג.

שעקספיר'ס מפרשים ווילען אָבער האָ־
בען אז דאָס האָט נישט קיין באציהונג צו
די שפיעל־קאָרטען נאָר צו די קאָרטען פון
די שיפס־קאפיטאַנען. עס איז אפשר אויך
כדאי אָנצוצייכענען דאָס אין דער ענגלי־
שער פאָלקס־פראזאָלאָגיע, א זאך וואס
איז "On the cards." הייסט דאָס עס
איז גרייליך פארהאַנען א מעגליכקייט
דאָס די זאך וועט געשעהן.

אזוי ווי נאָך אלעמען בלייבט
די רעדענסאָרט „וואָס אין
דער קאָרט" א טונקעלע און פון אומ־
באשטימטער אָבשטאַמונג, וויל איך גלוי־
בען דאָס די אורשפרינגליכע פאָרם איז
געוועזען „אויסרעדען וואס אין דער
קאָרט", („ער צורעדט דאָרטען וואס אין
קאָרט שטעהט און מאכט חוזק", דינענ־
זאָהן, הנאהבים והנעימים, ב. 3, ז. 25,
„פלעגט מען אויף מיר אויסטראכטען וואס
אין דער קאָרט שטעהט", ספעקטאָר,
עניים ואביונים ז. 59 זעה אויך א. מ.
דיק, גייסטער געשיכטען, תרל'א, ז. 22

אוּן — דערפינדלינג, תרל״ה ז. 40) אוּן ס׳האָט לכתחלה ניט געמיינט „אויסרעדען כל הבּייז״, נור אויסרעדען „אויסגעטראַכטע מעשות״ (אָבּער ווייל געוועהנליכער טראַכט מען אוים שלעכטעס, איז „אויסרעדען וואס אין דער קאָרט״ געקומען צו בּאַצייכענען אויסרעדען שלעכטעס), אוּן עס האָט זיך גענומען פון די קאָרטען וואַרפּערס[1] וועלכע פּלעגען אַרוים לעזען פון די קאָרטען וואס ס׳האָט זיך זיי פאַרגלוסט. עס איז כדאי אָנצומערקען דאָס אין שפּאַניש הייסען קאָרטען „נאַיפּעס״, אוּן אין איטאַליעניש—נאַיבּי״, דאָס איז גענומען געוואָרען פון אַראַבּישען „נאַיבּ״ וואס מען האלט עס איז פאַרגרייזט פון אַראַבּישען „נאַבּי״ אָדער נביא, ווייל מען פלעגט די קאָרטען הויפּטזעכליך בּאַנוצען דורך זיי נביאות צו זאָגען.

עס איז דערום מעגליך, אַז די רעדענסאַרטען אין ענגליש פון וועלכע עס ווייזט אוים דאָס קאָרטען בּאַצייכענען זאַכען וואס זיינען ריכטיג אוּן וואָס וועלען געשעהן, שטאַמען פון קלאַסען מענשען וואס

(1) דער אידישער פאַר־פּסח, וואַרשא, 1881, ז. 166: קאָרטין וואַרפערינס. „דער ליטוואַק אין וואָלינען״, ווילנא, תרל״א פון א. מ. דיק אין דער הקדמה: קאַבּאַלא (קארטין אויש וואַרפין), אוּן אין וויטצען אוּן שפּיטצען, ז. 32, שרייבּט ער: די קאַרטין שפּיל איז ערפונדען געוואָרין שוין פון לאַנגע דאַטען אין קליין אזיען נור ניט אלס שפּיל ער איז ערפונדען געוואַרין נור אלס איין אָראַקעל (לוח הגורלות) וואס מען זאָל קענען טרעפין פון די אויסלייגונג דער בּילדער, די צוקונפט (עתידות) אָדער געהיימע זאַכען (נסתרות) דאָס זעלבּיגע וואס איז היינט קאָרטין אוים וואַרפין... נאַכהער איז געוואָרין דער פון איין בּלויזער געווינס שפּיל.

א קאַרטען־וואַרפערין הייסט אויך אויף אידיש—אַ טרעפּערקע. א לונג און לעבּער, ש׳מ״ר, ווילנא, תרנ״ו, ז. 12.

האָבּען געגלויבּט אין דער וואָהר־זאָגריי פון קאָרטען (ווי ווייט די פּראַקטיק פון קאָרטען־וואַרפען און די אמונה דערינען איז פאַרשפּרייט בּיי די ענגלישע פאָלקס־מאַסען זעה ר. טשאַמבּערס, „בּוק אָוו דעיס״, בּ. 1 ז. ז. 281-284, שרייבּענדיג וועגען דעם 21־טען פעבּרואַרי אויך דיק שרייבּט אין דעם שוואַרצען האָן, וואס זאָל זיין איבּערגעזעצט פון ענגליש. (ווילנא, ז. 30): „ווי אויך איינגלאַנד איז איינע געבּילדעטע נאַציאָן איז זיא דאָך העכסט פרום און העכסט אבּערגלויבּעש, גלויבּין אין קארטין אוים וואַרפען און אין וואַרזאָגערינען אַזויא גאַר נאָך יעצט און בּפרט אין יענער צייט, עס בּעדינען זיך דער מיט זעלבּסט די גרעסטע לאָרדין (גראַפען) און דיא גרעסטע דאַמען״), בּשעת אידען האָבּען פּונקט להיפך געהאַלטען אַז דאָס אויסדערצעהלען מעשיות פון קאָרטען איז פידריך לא היה ולא נברא.

א ל כ ס נ ד ר ה א ר ק א ו ו י אין זיין נייעם אידיש־ענגליש־העבּרעאישען ווערטערבּוך (ניו יאָרק, תרפ״ה) שרייבּט בּיים וואָרט „קאָרט״: „זאָגען אויף אימיצען אַלץ וואס אין קאָרט שטייט״ — יחס לאיש כל דבר רע. און ער רעכענט אויך דאָס די פּראַזע נעמט זיך פון קאַרטען לייגן. קאַרטען לייגען האָט אָבּער גאָרנישט צו טהון מיט כל דבר רע.

ענדיגענדיג, וויל איך זיך ערלויבּען צו זאָגען דאָס איך גלויבּ, דאָס די אידישע פאָרמע פון רעדען: א צרה איז מיר נישט, א דונער האָט מיך נישט דערשלאָגען, א. ז. וו. וועגען וועלכע מיר האָבּען גערעדט אויבּען. ז. 21, איז א פאָרם וואס האָט שוין לאַנג געטליעט בּיי אידען, שוין די קדמונים האָבּען אויסגעטייטשט געוויסע ערטער אין תנ״ך, דאָס ווען נישט ווילענדיג דערמאָנען מיט׳ן מויל שלעכטס וואס קאָן קומען צו איינעם הענגט ער די שלעכטס אָן אין אנדערע, זייער טערמין פאַר דעם איז בּאַקאַנט: כאדם התולה

בחברו. (זעה רש״י אויפ׳ן פסוק: העיני האנשים ההם תנקר. במדבר, ט״ז י״ד,) דאָס זעלבע באַנוצען זיי אין אזא פאל אָנשטאָט ישראל — שונאיהם של ישראל: כל זמן שמאורות לוקין — סימן רע לשונאיהם של ישראל. (סוכה, כ״ט.) ווייל זיי האָבען געהאלטען דאָס „ברית כרותה לשפתים״, און א ווארט ארויס געלאָזען פון מויל איז א געוואלדיגער קראפט הן צום גוטען און הן צום שלעכטען. (מועד קטן, י״ח.)

אָבער אויך אונזער פארמע פון צולעגען דאָס ווארט „נישט״, געפין איך אויך שוין אין תנ״ך.

דער נביא צפניה אין קאפ. 2, פסוק ב, זאָגט:

בטרם לא יבא עליכם חרון אף ה׳.

בטרם לא יבא עליכם יום אף ה׳.

געזעניוס האָט זיך מיט דעם „לא״ דערוואָרגען, אין זיין דקדוק (ענגליש, אָקספאָרד, 1898, זייט 508) קלערט ער אז אפשר איז דער טעקסט נישט ריכטיג, אַין זיין ווערטערבוך (עלפטע אויסגאבע, לייפציג, 1890), ווייל ער עס פארגלייכען מיט׳ן דייטשען: עהע ער ניכט קאממט, וואס מיר געפינען נישט אין העברעאיש אין ערגיץ. אבער לויט אונזער ערקלערונג איז דער „לא״ זעהר ריכטיג.

און נאָך אן אָנמערקונג:

אייזיק מאיר דיק, וואס ענליך צו אונזער מחבר מאַכט ער אָפט ליצנות פון שדכנים, חזנים, בטלנים און זייערס גאל, וואס געהענדיג פון הויז צו הויז, אָרט צו אָרט, כאַפּען זיי א כוסה דאָ, א כוסה דאָרט, און האלב פאר׳שכור׳ט פאַלען זיי אריין אין לעכערליכע אומשטענדען, האָט אויף איין אָרט א מעשה וועגען צוויי אזעלכע פארשווינען וואס אונטערהערענדיג א פויער איבערשמועסענדיג ביינאכט מיט זיין ווייב, דאָס ער געהט שעכטען די צוויי

פארשווינען זיינע (מיינענדיג צוויי חזירים) ציטערען זיי דאָס ער געהט זיי שעכטען (דער חזן, ווילנא, תרל״ה, זייט 12).

די מעשה איז אָהן ספק א פאראידישונג פון איינע פון די מעשיות פון דער קעניגין מארגארעט פון נאווארע אין איהר העפטאַמעראן (פערטער טאָג, 34־טע ערצעהלונג) פארגלייכענדיג ביידע מעשיות, איז עס זיכער, דאָס נישט דיק האָט די מעשה פאראידישט, נאָר עס איז געוועזען א באקאנטע פאָלקס־הלצה וואס ער האָט אויסגענוצט.

פרעגט זיך: ווען, און ווי אזוי האָט דער עולם צוגענומען די מעשה פון העפּטאַמעראן און עס פאראידישט, און צי קאָן מען געפונען נאָך אנדערע עהנליכע ערצעהלונגען וועלכע דער עולם האָט מגייר געוועזען?

און אז מיר זיינען שוין געגאנגען אזוי ווייט אראָב פון וועג, איז שוין אפשר כדאי צו געהן נאָך א טריט:

שלום עליכם׳ס „יאָ גט׳ען—ניט גט׳ען״, וואס איז דער הויפטמאָטיוו פון זיין מאָנאָלאָג „איין עצה״, איז ווי עס שיינט פאראידישט און פאר שלום־עליכם׳דיגט געווארען פון ראבעלעי׳ס „יאָ חתונה האָבען — נישט חתונה האָבען״ (ניינט קאפיטעל פון דריטען בוך).

אויב דאָס איז ריכטיג, עפענט זיך פאר דעם וואס איז נייגעריג צו צוקומען צו די ערשטע קוועלען פון אונזער ליטעראַטור א גאנץ ווייט און ברייט פעלד.

איך גלויב דאָס די נאָהענטע פון שלום עליכם וואלטען געקאָנט קלאָר מאַכען צי די השערה איז ריכטיג. עס וואלט געוועזען אויסערסט אינטערעסאנט צו וויסען צי אזעלכע עהנליכקייטען זיינען מעגליך אין דער וועלט פון שאַפונג פשוט צופעליג.

ג׳ י׳ ל׳ ט׳ ו׳ א׳

רעפראדוציירט פון ספר

נחמד ונעים

פון ר׳ דוד גאנז

געדרוקט אין יעסניץ

שנת תק״ג לפ״ק

דער וואונדער-אוצר פון דער אידישער שפּראַך

פאָלקסטימליכע רעדענסארטען, שפּריכווערטער, גלייכווערטלאך און אַנעקדאָטען.

געזאמעלט און דערקלעהרט דורך

יהודה עלזעט

ביז יעצט זענען ערשינען פון דעם וואונדער־אוצר פאָלגענדע אויסגאבען:

דאָס דאַוונען (אינגאנצען אויספארקויפט)

מלאכות און בעלי־מלאכות

אידישע מאכלים (אַ בוך אין צוויי טיילען)

(ערשטע טייל—וואס זענען געוועזען די אידישע מאכלים?
צווייטע טייל — רעדענסאַרטען און שפּריכווערטער פון אידישע מאכלים)

דער מענשליכער קערפּער (ערשטע טייל)

די דריי לעצטע ווערק (פון וועלכע נאָר עטליכע צענדליג עקזעמפּליאַרען זענען געבליבען צום פארקויף) זענען צו באַקומען, געבונדען אין אַ שעהנעם באנד, פאר דריי דאלער, אין דער רעדאקציע פון „קענעדער אדלער".

The Canadian Jewish Eagle, 4075 St. Lawrence Blvd., Montreal

——— אָדער ביי ———

Solomon Rabinowitz, 51 Canal Street, New York.

מיינונגען פון דער קריטיק:

א. גלאַנץ.

וואס פאר אן ארבייט! וויפיעל מיה און קענטניש. וויפיעל התמדה, בקיאות, און אויך ניט ווינציג חריפות.

ווען דאָס ווערק וועט זיין פארטיג, וועט די אידישע פילאָלאָגיע, די אידישע לינגוויסטיק און די אידישע פאָלק־לאָריסטיק זיין זעהר שטאַרק באַרייכערט. ה' יהודה עלזעט באַגרייפט גרינדליך דעם גרויסען ווערט פון שפּראך־פאָרשונג ער פארשטעהט אויך, ווי באַזונדערס וויכטיג עס איז צו פאָרשען די רעדענסאַרטען פון דעם פאָלק, ווייל עס זיינען אָט די רעדענסארטען, וואו די גאנצע גייסטיגע אידישע פיזאָנאָמיע אנטפּלעקט זיך. זיין ארבייט איז אַן ארבייט פון דער גרעסטער ליבע, ווייל פאַרטיפענדיג זיך אין אונזער לשון, ווי ער קלינגט אין דעם מויל פון אונזער פאָלק גופא, האָט ער דאָרט אנטדעקט אן אוצר שעהנקייט, א באווייז פון א געוואלטיגער בעאַבאכטונגס־פעהיקייט, א קוואל פון גייסטיגער שטאַרקייט און פעסטקייט און — איבער אלץ — פון אידישען שארפזין און וויץ.

ליבע איז אודאי אַ כך, אָבער זי איז ניט גענוג, און ה' עלזעט באווייזט מיט דער אויסגעדרוקטער ליבע צו פארבינדען א מאסע וויסען, א טיפע גרינדליכקייט און ניט געוועהנליכע שפּראך־קענטניש. זיין גרינדליכע ידיעה אין אלץ וואס האָט צו טאָהן מיט אידישע למודים העלפט איהם אויך פיעל ארויס. ער באַגניגענט זיך נישט מיט א בלויזען זאמלען דעם מאַטעריאל: ער פארטייטשט איהם אויך גאנץ אָפט, און דאָס טוט ער אויף א זעהר פעהיגען, באמת אויפקלעהרענדען אופן. עס איז קיין פראגע נישט, אַז יעדער איינער, וואָס האָט געלעזען ה' עלזעט'ס ערשטע פיער ביכער וועט מיט אומגעדולד וואַרטען אויף די קומענדע.

(דער „טאָג", ניו יאָרק)

הלל צייטלין.

דער „וואונדער אוצר" איז אינגאנצען אָריגינעל. פעריל געזאמעלט פון דער פאָלקס־שפּראך. אַלערליי מעגליכסטע שארפזיניגע און געדאנקען־פולע רעדענסארטען, אַלערליי מעגליכסטע פאָלקס־וויצען און פאָלקס־אנעקדאָטען. „מלאכה גדולה עשה". פאַר אזאַ ארבייט קומט אַן ערנסטער און אויפריכטיגער: יישר כח!

(„מאָמענט", ווארשע)

ז. רייזען.

„די יונגע, אין כחות נאך אזוי ארימע אידישע פילאלאגיע, האט אין דעם יונגען מחבר... געוואונען א באדייטענדע, איבערגעגעבענע און אריגינעלע קראפט.

דער מחבר פון דעם „וואונדער־אוצר" ווייזט ארויס ניט נאר א גרויסע התמדה ביים זאמלען דעם רויען מאטעריאל, נאר אויך א זעלטען גרינדליכע און ברייטע באהאוועגקייט אין אלע אידישע מנהגים, אין דעם גאנצען אלטען אידישען לעבענסשטייגער, אויף וויפיעל ער שפיגעלט זיך אפ אין דער לעבעדיגער שפראך פון פאלק. און אין אנגעהער מיט זיין גרויס בקיאות אין דער העבּרעאיש־רבנישער ליטעראטור פארמאגט ער אלע מעלות, וואס פאדערען זיך ביים דערקלעהרען און אויסטייטשען די טונקעלע רעדענסארטען פון דעם קאפריז שפילעוודיגען אידישען פאלקלאר...

עלזעט'ס ארבייט איז נישט נאר א גרויסע געווינס פאר דער אויספארשונג פון דעם אידישען ווערטער און ווערטלעך־אוצר, נייערט אויך א וויכטיגער צושטייער צו דער אידישער עטנאגראפיע. דער מחבר פיהרט אונז אריין אין פארבארגענע ווינקעלאך פון אמאליגען אידישען לעבענס־שטייגער...

א גענויע אפשאצונג פון עלזעט'ס ארבייט אין איהר גאנצען פארנעם וועט ערשט קענען געגעבען ווערען, ווען עס וועלען פארעפענטליכט זיין די איבעריגע טיילען איהרע, אויף וואס מיר ווארטען מיט אומגעדולד.

עלזעט'ס ארבייט איז אן ערשטע אין איהר מין אויף'ן געביט פון דער אידישער פאלקלאריסטיק.

(„דער טאג", ווילנא.)

פראפ. דר. מאיר באלאבאן.

זיין ליבע צו דער אידישער שפראך האט איהם צוגעפיהרט צו א רייהע שפראכליכע פארגלייכענדע שטודיען. אין זיין ביבליאטעק האב איך געזעהן זעהר טייערע ספרים, וואס דער מחבר האט פון זיי געשעפט זיין וויסען אין דער אידישער ליטעראטור. איך קאן קיינעם נישט פון מיינע באקאנטע אידישע שריפטשטעלער, וואס זאל אזוי געדענקען, ממש „בעל פה" אלע פראזען און רעדענסארטען פון די קלאסיקער פון דער אידישער שפראך.

דוד פרישמאן, וואס איז געוועזן באקאנט אלס גרויסער וויצלער, פלעגט אויף איהם זאגען, דאס ער איז „א בקי בכל חדרי שלום עליכם".

(„היינט", ווארשע)

דר. י. שאצקי.

דארף מען געבען א סך הכל, וואס פאר א באדייטונג עס האבען די פיער ארבייטען פאר אונזער ליטעראטור, שפראך און פאלקלאר־פארשונג? גאר א גרויסען. דער מחבר קאן ארבייטען, האט גוטע אידעען, קען זוכען און געפינען דעם פאסענדען מאטעריאל. פאר זיין התחלה פארדינט ער א כשר'ן יישר כח!

(די „צוקונפט", ניו־יארק).

דר. מאקס ווײַנרייך.

א באזונדער ארט פארנעהמט דער „וואונדער־אוצר". ס'איז געוויס א זעהר נוציגע ארבייט, וואס איז אפגעטאן גוט.

(„שטאפלען", בערלין, 1923)

ש. באסטאמסקי.

עס איז א העכסט־וויכטיגע ארבייט וואס טראגט א באזונדער כאראקטער.

(„ביים קוואל", ווילנע, 1920)

Ben Eliezer

. . . But in the whole of this collection of Jewish folk-lore literature there is nothing that can compare with the one before us written by Jéhudah Elzet. The book is exactly what its title denotes—a veritable treasure house of the language of our people.

The language of any people is the truest record of its multifarious forms of life throughout its history, throwing light on its material, spiritual, religious, moral, social, economic and political states.

As the successive geological strata in the body of the earth contain fossilised remains of the various periods in the earth's evolution, so does language, to him who can decipher it, contain unmistakable records of the beliefs, habits and modes of life of the people who spoke it. And none understands this art of deciphering better than our author. His powers in this sphere are indeed remarkable.

Almost every phrase serves him as an elucidation of some past Jewish custom, belief or manner. And how exhaustively he deals with his subject! For not only does he introduce us to a veritable mine of linguistic material, the very existence of which was not suspected previously, but he takes us with him into the most obscure corners of the Jewish life of the past.

One is amazed at the wealth of material in this book, which must needs be the result of many years of careful collecting, and even more wonderful is the evidence of deep insight, continual startling elucidations and profound love which the author displays in handling his subject.

If one wishes to arrive at an intimate knowledge of our people, it is not to historical or dry ethnological and demographical treatises that he must turn, but to a work like this, which lays bare the very soul of our nation. It is a book which every reader, who is a sincere lover of his people, should have amongst his most precious collections.

—"The Zionist Record," Johannesburg.

Lazarus Barth

...Jehuda Elset hat es unternommen, den Wunderschatz der jüdischen Sprache zu heben. Das Buch bringt ausserordentlich reiches und interessantes Material.

Die fleissige Arbeit ist der Aufgabe durchaus gerecht geworden. Mit Gründlichkeit ist aus den Schriften der jüdischen "Klassiker" Material zusammengetragen und kurz kritisch arläutert. Der Hauptreiz liegt in dem beigebrachten Volkshumor, aus dem alle Spielarten jüdischen Witzes bis zur schärfster Satire sprechen.

("Die Jüdische Presse". Berlin, 1020. No. 16).

י. מאַסטבוים.

...די ארבייט האָט זעהר אַ גרויסע באַדייטונג פאַר די, וואָס ווילען ערקענען דאָס כאַראַקטעריסטישע, וואָס דאָס פאָלקס מויל האָט באַשאַפען...

דער אויטאָר ברענגט די שעהנסטע ציטאַטען פון דער אידישער ליטעראַטור און אַנדערע קוואַלען און פאַסט זיי אריין אין זיינע אייגענע ערקלעהרונגען אין אַ זעהר טרעפליכער פאָרם, דאָס בוך באַלאַנגט געוויס צו די שעהנסטע ארבייטען פון אידישער פאָלקס־שאַפונג און וועט האָבען דעם פאַרדינטען בייפאַל סיי אין דער הינזיכט פון שפּראַך־פאָרם, און סיי אין לייכטקייט פון סטיל.

(„פוילענס - קלאַנגען")

ב. קארליניום.

..דער „וואונדער־אוצר פון דער אידישער שפּראַך" דערמאָנט אָן אַ בכבוד'יגען ספר, און דערצו טאָקי אַ ספר פון אַ תלמיד־חכם, פון וועלכען דו לערענסט עפּעס. וועלכער מאַכט דיר עפּעס קלערער. „דער וואונדער אוצר" איז אַ געוויסענהאַפטע, פלייסיגע און אַקאַדעמישע ארבייט אויפ'ן געביט פון דער אידישער שפּראַך — דער שטאַרקסטען און שעהנסטען אויסדרוק פון אידישען געניוס. דאָס איז אָן ארבייט פון יאָהרען־לאַנגען זאַמלען, אָן ארבייט, וואָס פאָדערט אַ סך גייסט, אַ סך וויסען, אַ סך זאַך־קענטניש און — דאָס וויכטיגסטע! — אַ סך וואַרימע אינערליכע ליבע צו די אידישע ווערטלאַך, צו די דאָזיגע אַלטעגליכע, פשוט'ע פונקען־שפּריצען פון דער אידישער חריפות, פון דער אידישער גאונות, פון דעם אייגענאַרטיגען אידישען גייסט. מאַנכע אזעלכע אידישע ווערטלאַך איבעראַשען דיך פשוט. וויפיעל בילדליכקייט און חריפות, וויפיעל פקחות און ווי אָריגינעל און וויציג אין דער פאָרם!

ה' עלזעט האָט צוזאַמענגענומען אַ גרויסע טייל פון די פאָלקס־ווערטלאַך, זיי געלייטערט, קלאַסיפיצירט און אין אַ פאָפולערער לייכטער פאָרם ערקלערט. זיין ארבייט וועט אָהן שום ספק פאַרנעהמען אַ בכבוד'יג אָרט אין אונזער פאָלק־לאָר־ליטעראַטור. דו לייענסט מיט פאַרגעניגען די בלעטלאַך, וואָס פיהרען דיך אריין אין די באַהאַלטענסטע קעמערלאַך פון דער פאָלקס־נשמה. די ווערטלאַך אַליין, דער צוזאַמענשטעל, די ערקלעהרונגען, די אילוסטרירענדע ציטאַטען, דו זעהסט דאָ די אינטימע באַהאַלטענע פעדים, וואָס פאַרבינדען דאָס פאָלק מיט דער שאַפונג פון זיינע ליטעראַרישע קלאַסיקער. דו שפּירסט די שטילע פאַר־ליבטקייט, מיט וועלכע דער מחבר באַהאַנדעלט דאָס מאַטעריאַל, און ביזט איהם פאַר דעם אַלעם אמת דאַנקבאַר.

(„אילוסטרירטע וועלט")

„התקופה".

..בהמאסף („רשמות") בא מאמר גדול ורב עניז „מנהגים והויות" על המנהגים בחיי ישראל מאת „יהודה עלזעט". מתוך דברי המחבר נכר שהוא בקי גדול בכל חדרי התורה, ולפיכך שם לו לתעודהלהתחקות אחרי שרשי המנהגים, לידתם והתהוותם. להפלת המנהגים, שיש להם איזה יסוד בחיינו, מן המנהגים האסופים, שנשתרשו בקרקע העברי על־ידי השפעה מן החוץ.

מתוך מאמרים כאלה אתה עומד על כמה חזיונות משונים בחיינו ומציץ לתוך מסתרי הנפש של המוני העם.

(חלק ג', עמוד 705)

Printed in Canada by
THE EAGLE PUBLISHING CO., LIMITED
Montreal, Que.